STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02818

# SOTSYALISTISHE KOLONYEN

M. I. Tugan-Baranovskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבייטער ביבליאָטעק — נומער IV

# סאָציאַליסטישע קאָלאָניען

פון פּראָפ. מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי
מיט אַן איינלייטונג פון מאָרים הילקוויט

אַרויסגעגעבען פון דער
אידישער סאָצ. פעדעראַציאָן פון אַמעריקא
ניו יאָרק, 1919

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 446

פראָפ. מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי

# די סאָציאַליסטישע קאָלאָניען פון אונזער צייט

איבערזעצט — י. גאַרניצקי

# אַלגעמיינע איינלייטונג

דער ניינצעהנטער יאָהרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אן אינדוסטריעלער רעוואָלוציאָן, וואָס האָט ניט איהר גלייכען אין דער געשיכטע. די ריזיגע מאָדערנע פאבריק פּראָדוקציאָן האָט פארנומען דעם אָרט פון דער קליינער מאנופאקטורעלער פּראָדוקציאָן. די אייזענבאהנען, טעלעגראפען און דאמפשיפען האָבען דורכגעבראָכען אלע געאָגראפישע גרענעצען און האָבען פאראייניגט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט אין איין אינטערנאציאָנאלען מארק. דאמף, עלעקטריציטעט און די גרויסע מאשין האָבען פארגרעסערט הונדערט מאָל אזוי פיעל די פּראָדוקטיוויטעט פון ארבייט און האָבען באשאפען אונגעהויערע מאסען רייכטום.

אָבער אָט דער ענדערונגס פּראָצעס האָט געבראכט מיט זיך א סך נייע סאָציאלע פּראָבלעמען.

וועהרענד א פארהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל מענשען האָבען באקומען די אלע נוצען פון דעם נייעם פּראָדוקציאָנס סיסטעם, האָט די גרעסטע מעהרהייט פון דער באפעלקערונג גאנץ אָפט געהאט פון דעם רייכען שניט נאָר עלענד, אָרימקייט און ליידען.

די ערפינדונג פון נייע און פארפאָלקאָמטע מאשינען האָט געמאכט פון פיעלע ארבייטער־ספּעציאליסטען איינפאכע ארבייטער, און נאָך פיעל מעהר האָבען דורך דעם פארלאָרען זייער ארבייט און פארדיענסט אויף שטענדיג, אָדער, וועניגסטענס, אויף דער צייט פון דער לאנגען און שווערען פּראָצעס פון „צופּאסונג" און רעאָרגאניזירונג.

די פלאנלאָזע ארט פון פּראָדוקציאָן און די מוראדיגע קאָנקורענץ צווישען די קאפּיטאנען פון דער אינדוסטריע האָבען פאראורזאכט דאָ א פיבערהאפטע טעטיגקייט און אינטענסיווע ארבייט, דאָ צייטען פון גע־

צוואונגענער ארבייטסלאָזיגקייט און אינדוסטריעלען שטילשטאנד, וואָס האָבען געבראכט מיט זיך זעהר פיעל ליידען.

א קאָנטראסט איז ענטשטאנען צווישען דעם לוקסוס און גלאנץ פון די פארמעגליכע קלאסען פון איין זייט, און דער אָרימקייט, עלענד און אונוויסענהייט פון די ארבייטענדע קלאסען. סאָציאלע קאָנטראסטען זיינען געוואָרען שארפער ווי ווען עס איז אין דער געשיכטע.

אָט די שלעכטע זייטען פון דער מאָדערנער ציוויליזאציאָן האָבען צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די ערנסטערע סאָציאלע פילאָסאָפען און רעפאָרמער פון דעם פארגאנגענעם יאָהרהונדערט, און זיי האָבען ארויסגעבראכט א סך פלענער און טעאָריען, ווי צו באזייטיגען יענע שלעכטע זייטען פון דער מאָדערנער געזעלשאפט. די ראדיקאלסטע פון אָט די טעאָריען זעהט די אורזאך פון אלע צרות אין דעם, וואָס די יסודות פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריעלען לעבען זיינען קאָנקורענץ און לוין ארבייט. און זי פרעדיגט די איבערבויאונג פון אונזער גאנצען עקאָנאָמישען סיסטעם אויף דעם באזיס פון קאָאָפעראטיווער פראָדוקציאָן. אָט די טעאָריע ווערט גערופען סאָציאליזם.

סאָציאליזם איז, ווי די מעהרסטע אנדערע טעאָריען און באוועגונגען, דורכגעגאנגען א סך ענטוויקלונגס שטופען, איידער ער האָט דערגרייכט זיין איצטיגע פאָרם. אין זיינע ערשטע פאזען איז ער געווען גיכער א הומאניטארע, ווי א פאָליטישע באוועגונג. די ערשטע סאָציאליסטען האָבען גאָר ניט אנאליזירט דאָס נייע פראָדוקציאָנס סיסטעם און האָבען ניט אריינגעקוקט אין זיין היסטאָרישע באדייטונג אָדער טענדענצען. די שלעכטע זייטען פון דעם סיסטעם האָבען זיי באטראכט ווי צופעליגע אָפווייכונגען פון די „אייביגע פרינציפען" פון „נאטירליכען געזעץ", גערעכטיגקייט און פארנונפט. דאָס סאָציאלע סיסטעם גופא איז פאר זיי געווען אַן אומגעלומפערטע, בייזוויליגע ערפינדונג פון די הערשענדע עלעמענטען אין דער געזעלשאפט.

טריי צו זייער טעאָריע, אז סאָציאלע סיסטעמען

ווערען געמאַכט און איבערגעמאַכט דורך פרייווילליגע אַקציאָנען פון די מענשען, פלעגען זיי געוועהנליך אויסגעפינען מעהר אָדער וועניגער פאַנטאַסטישע פּלענער פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס האָבען געזאָלט זיין פריי פון די שלעכטע זייטען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציאָן, און זיי פלעגען פאַרלאַנגען, אַז די מענשהייט זאָל אָננעמען זייערע פּלענער.

געוועהנליך פלעגט אין אַזאַ פאַל דער אויטאָר פאַנאַנדערוויקלען זיין פּלאַן אין אַ באַשרייבונג פון אַן אויסגעטראַכטען לאַנד מיט אַן אַרט לעבען און אַ רעגירונגס פאָרם, וואָס פלעגט אויסדריקען דעם אויטאָר'ס אייגענעם געדאַנק וועגען גערעכטיגקייט און פאַרנונפט. די באַליעבטע פאָרם פון אַזאַ באַשרייבונג איז געווען דער ראָמאַן. דאָס באַשריבענע גליקליכע לאַנד איז גערופען געוועהנליך: אוטאָפּיאַ. דעריבער רופט מען אַזאַ אויטאָר אוטאָפּיסט.

עס איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך און לאָגיש, אַז אַזעלכע טעאָריען זאָלען אין דער פּראַקטיק פיהרען צו דער אויפבויאונג פון קאָמוניסטישע געזעלשאַפטען, ווי סאָציאַלע עקספּערימענטען.

די סאָציאַליסטען־אוטאָפּיסטען האָבען ניט געקענט איינזעהן, פאַרוואָס זייערע פּלענער פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן זאָלען ניט קאָנען דורכגעפיהרט ווערען אין אַ באַשרענקטער ספערע פּונקט אַזוי צופרידענשטעלענד, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. און זיי האָבען ליעב געהאַט צו טרוימען וועגען דעם, אַז זיי וועלען אין אַ קליינער געזעלשאַפט אויף אַ פּראַקטישען אופן דעמאָנסטרירען די דורכפיהרבאַרקייט און די נוצען פון זייער סיסטעם און וועלען דורכדעם ביסלעכווייז באַקומען די גאַנצע וועלט.

דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם איז געווען פאָלשטענדיג אין איינקלאַנג מיט דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען און האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, ווי יענע פילאָסאָפיע האָט נאָך געהערשט.

אָבער אינמיטען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונ־

דערט איז פֿאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג אויף אַלע געביעטען פון מענשליכען דענקען. פֿאָרשונג האָט פֿאַרנומען דעם אָרט פון ספעקולאַציאָן, און פּאָזיטיוויזם איז אריינגעדרונגען אין אַלע צווייגען פון וויסענשאַפט און האָט אָהן רחמנות צושטערט אַלע אידעאַלען און האָט ראַדיקאַל רעוואָלוציאָניזירט די פריהערדיגע אַנזיכטען און מעטאָדען.

אין דערזעלבער צייט האָבען זיך בּיסלעכווייז פֿאַנאַנדערגעוויקעלט די געהיימניסען און פּראָוויקעלטקייטען פון דעם מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס סיסטעם, און די אָנהענגער פון דער יונגער סאָציאַלער וויסענשאַפט האָבען גענומען פיהלען, אז זייערע טעאָריען און סיסטעמען פֿאָדערען א גרינדליכע רעווידירונג.

די גרויסע אויפגאַבע איז ערפילט געוואָרען צום סוף פון די פערציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט, הויפּטזעכליך דורך די ארבייטען פון קאַרל מאַרקס, דעם הויפּט גרינדער פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער טעאָריע. מאַרקס האָט געטאָן פֿאַר סאָציאָלאָגיע דאָס, וואָס דאַרווין האָט שפּעטער אויפגעטאָן פֿאַר ביאָלאָגיע: ער האָט ארויסגענומען די וויסענשאַפט פון דעם געביעט פון אונקלאָרער ספּעקולאַציאָן און האָט זי אוועקגעשטעלט אויף דעם מעהר סאָלידען באַזיס פון אַנאַליז. אָדער, צו באַנוצען דעם אויסדרוק פון פּראָפעסאָר זאָמבאַרט, ער האָט אריינגעפיהרט רעאַליזם אין סאָציאָלאָגיע.

די סאָציאַלע טעאָריען פון קאַרל מאַרקס און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איז אויף זיי באַגרינדעט, ווערען אָנגערופען דער מאָדערנער אָדער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם, אין אונטערשיד צו דעם אוטאָפּישען סאָציאַליזם.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם געהט ארויס פון דער טעאָריע, אז דער סאָציאַלער און פּאָליטישער בוי פון דער געזעלשאַפט צו א געגעבענער צייט און אויף א געוויסען אָרט איז ניט דער רעזולטאַט פון דעם פרייען

און צופעליגען אויסוואהל פון מענשען, נאָר דער געזעצמעסיגער רעזולטאט פון א באשטימטען פּראָצעס פון געשיכטליכער ענטוויקלונג; און אז דער פונדאמענט פון אזא געזעלשאפטליכער געביידע איז צו אלע צייטען דער עקאָנאָמישער באזיס, אויף וועלכען די געזעלשאפט איז אָרגאניזירט.

א לאָגישע פאָלגע דערפון איז, אז די געזעלשאפטליכע פאָרם וועט זיך קיינמאָל ניט ענדערען, סאידען איהר עקאָנאָמישע ענטוויקלונג וועט זי מאכען רייף פאר אזא ענדערונג; און אז די צוקונפט פון דער מענשליכער געזעלשאפט דארף מען זעהן ניט אין די קונציגע פלענער אָדער ערפינדונגען פון א וועלכען עס איז סאָציאלען פילאָסאָף, נאָר אין די טענדענצען פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג.

דער מאָדערנער סאָציאליזם אונטערשיידט זיך אויף אזא אופן פון דער ערשטער אוטאָפּישער פאזע פון דער באוועגונג אין א סך פונדאמענטאלע פונקטען. ער לעגט ניט זיין האָפנונג אויסשליסליך אויף דעם גוטען ווילען אָדער פארשטענדליכקייט פון מענשען, נאָר אויך און זעהר פיעל אויף די מאָדערנע טענדענץ צו סאָציאליזירען די אינדוסטריען. ער גיט ניט קיין פאנטאסטישען פלאן פון א פאָלקאָמענער סאָציאלער אָרדנונג, נאָר ברענגט ארויס א רעאליסטישע טעאָריע פון שטופּענווייזען סאָציאלען פאָרטשריט. ער ווענדט זיך ניט צו דער גאנצער מענשהייט, גאָר ניט פאנאנדערקלייבענדיג זיך, נאָר אפּעלירט פריהער פון אלץ צו דעם ארבייטער קלאס, ווי א קלאס, וואָס איז אויף א דירעקטען אופן פאראינטערעסירט אין דער פאָרגעשלאָגענער סאָציאלער ענדערונג. ער עקספּערימענטירט ניט אויף קליינע סאָציאלע געמיינדען, נאָר אָרגאניזירט אינדוסטריעל און פּאָליטיש דעם ארבייטער קלאס, אז ער זאָל ביסלעכווייז באקומען די מעגליכקייט איבערצונעמען די אָנפיהרונג פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען פון דער געזעלשאפט.

מיר האָבען אויבען באמערקט, אז די טעאָריען פון אוטאָפּיסטישען סאָציאליזם האָבען אָפט געפיהרט צו

עקספּערימענטען אין קאָמוניסטישער קאָלאָניזאַציאָן. מיר קענען נאָך צוגעבען דאָ, אז וואָס מעהר אזעלכע טעאָריען זיינען געווען פארבונדען מיט עקספּערימענטען, אלץ מעהר פּאָפּולער זיינען זיי געוואָרען אין אמעריקאַ.

אזוי, צום ביישפּיעל, האָט דאָס סיסטעם פון דעם גרויסען פראַנצויזישען אוטאָפּיסט אַנרי סען־סימאָן געהאט פאר זיין הויפּט ציעל צו אָרגאַניזירען די נאַציאָנאלע און אינטערנאַציאָנאלע אינדוסטריע אויף א וויסענשאפטליכען באזיס. דאָס איז געווען אַן אלגעמיינע סאָציאלע פילאָסאָפיע, וואָס האָט ניט ערלויבט קיין עקספּערימענטען אויף א קליינעם מאסשטאַב. און סען־סימאָן'ס סיסטעם האָט טאקי פאקטיש ניט געפונען קיין נאָכפאָלגער אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

די פילאָסאָפיע פון ראָבערט אָוען, אין וועלכער געמיינדען זיינען ניט א נויטיגער פאקטאָר, אָבער שפּיעלען א וויכטיגע ראָל ווי פאָרבארייטונגס שולען פאר דעם קאָמוניסטישען רעזשים, האָט געהאט א באדייטענדען ערפאָלג אין די פאראייניגטע שטאַאטען, כאָטש זי איז דאָ קיינמאָל ניט געוואָרען אזוי שטארק און האָט ניט אויסגעאיבט אזא איינפלוס אויף דעם סאָציאלען געדאנק, ווי אין געבורטסלאנד, אין ענגלאנד.

פון דער אנדער זייט האָט דאָס סיסטעם פון דעם פראַנצויזישען אוטאָפּיסט שארל פּוריע, וואָס איז הויפּטזעכליך באזירט אויף קליינע סאָציאלע אָרגאַניזאַציאָנען, אנטוויקעלט אין די פאַראייניגטע שטאַאטען פיעל מעהר קראפט, ווי אין פראַנקרייך. און די ריין עקספּערימענטאלע איקארישע באוועגונג, כאָטש זי האָט געשטאמט פון פראַנקרייך, האָט געפונען איהר גאנצע פּראקטישע אָנווענדונג אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

א סך אורזאכען האָבען געמאכט די פאראייניגטע שטאַאטען פאר דאָס הויפּט פעלד פאר עקספּערימענטען פון די אוטאָפּישע סאָציאליסטען פון אלע נאַציאָנען.

די סאָציאלע עקספּערימענטאַטאָרען האָבען געוועהנליך געהאָפּט, אז זייערע קאָלאָניען וועלען זיך ביסלעכ־

ווייז ענטוויקלען אין פאָלשטענדיגע געזעלשאַפטען מיט א העכערער ציוויליזאציאָן. פאר דעם צוועק האָבען זיי געדאַרפט האָבען גרויסע שטרעקען פון ביליגען לאַנד, וואָס איז ווייט פון די פאָרדאָרבענדע איינפלוססען פון מאָדערנעם לעבען. און אמעריקא האָט געהאַט גענוג אַזעלכע לאַנד אין אָנהויב און אינמיטען פון נייצעהנ־טען יאָהרהונדערט.

אויסער די אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע מעג־ליכקייטען פון דעם יונגען און וואקסענדען לאנד, האָט נאָך זיין פּאָליטישע און געוויסענס פרייהייט געהאַט א באַזונדערען צויבער פאר די פּיאָנערען פון דער נייער אָרדנונג.

די צאָהל קאָמוניסטישע און האלב קאָמוניסטישע קאָלאָניען, וואָס זיינען געגריינדעט געוואָרען אין די פאראייניגטע שטאַאטען אין פארלויף פון דעם נייג־צעהנטען יאָהרהונדערט, קען גאָר ניט בארעכענט ווערען. נ אָ י ז, שרייבענדיג אין 1869, גיט איבער די געשיכטע פון ארום זעכציג געמיינדען, ניט אריינרעכענענדיג די ש ע י ק ע ר געזעלשאַפטען. אין 1875 האָט נ אָ ר ד ה אָ ף צוזאמענגערעכענט אכטצעהן שעיקער געזעלשאַפטען, וואָס האָבען ארומגענומען אכט און פופ־ציג באַזונדערע „פאמיליען“ אָדער געמיינדען, און נאָך צוועלף אַנדערע, הויפּטזעכליך רעליגיעזע געמיינדען, וואָס האָבען אָבער איינגעשלאָסען דריי פון די, וואָס נ אָ י ז האָט שוין דערמאָנט. און אין דריי יאָהר ארום האָט מ ר. ה אַ י נ ד ס פארצייכענט זעכצעהן נייע געמיינדען, וואָס האָבען טיילווייז שוין עקזיסטירט, טיילווייז געהאַלטען אין פאָרמירען זיך. מ ר. ש אָ ו האָט אין 1884 ערקלערט, אז אין פארלויף פון זיינע פאָר־שונגען האָט ער געפונען וועניגסטענס פופציג געמיינדען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען זינט 1870. און א ל ע ק ס א נ ד ע ר ק ע נ ט האָט אין 1901 בא־שריבען פינף און צוואַנציג נייע געמיינדען און ברודער־שאפטען, וואָס זיינען געגריינדעט געוואָרען שוין אין אונזערע טעג.

שאצענדיג נאָך די טיילווייזע באריכטען און בא־

שרייבונגען פון אָט די אויטאָרען, קענען מיר מיט זיכערהייט אָננעמען, אז עטליכע הונדערט געמיינדען האָבען עקזיסטירט אין פארשידענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאאטען אין פארלויף פון דעם פארגאנגענעם יאָהרהונדערט, און אז די צאָהל פערזאָנען, וואָס האָבען זיך צו פארשידענע צייטען באטייליגט אין די עקספערימענטען, האָט געמוזט גרייכען אין די הונדערטער טויזענדער.

די געשיכטע פון אָט די געמיינדען איז פונקט אזוי פארשידען, ווי זייער אָפשטאמונג און באזונדערע צוועקען. אָבער דאָ באטראכטען מיר נאָר די פון זיי, וואָס זיינען א טייל פון אַן אלגעמיינער באוועגונג, וואָס איז דירעקט אָדער אינדירעקט פארבונדען מיט א באשטימטער שול פון אוטאָפישען סאָציאליזם. אזעלכע געמיינדען אין די פאראייניגטע שטאאטען קענען איינגעטיילט ווערען אין די פאָלגענדע פיער הויפט גרופען: 1) די אָועניסטישע קאָלאָניען; 2) די פוריערטיסטישע קאָלאָניען; 3) די איקארישע קאָלאָניען, און 4) די רעליגיעזע געמיינדען.

1. *די אָועניסטישע קאָלאָניען* זיינען געגרינדעט געוואָרען ענטוועדער דירעקט פון *אָ ו ע ן*, אָדער אונטער דעם איינפלוס פון זיין אגיטאציאָן. זיי זיינען געוועזען די ערשטע געמיינדען, וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרען אין אמעריקא מיט דעם צוועק צו פארשפרייטען אַן אלגעמיינע סאָציאלע טעאָריע און ווי א פראָפאגאנדא מיטעל. נאָר צוועלף פון אָט די קאָלאָניען זיינען ניט פארגעסען געוואָרען אינגאנצען, כאָטש פיעל מעהר האָבען ווארשיינליך עקזיסטירט. די צייט פון אָט די עקספערימענטען איז דער פעריאָד פון 1825 ביז 1830.

2. *די פוריעריסטישע קאָלאָניען* זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פון אמעריקאנער נאָכפאָלגער פון *שארל פוריע*. אין זייער פלאַן פון אָרגאניזאציאָן האָבען זיי געשטרעבט צו דערנעהנטערען זיך, אזוי ווייט ווי מעגליך, צו דעם אידעאַל פון די אינדוסטריעלע געמיינדען, וואָס זיינען אין *פוריע'ס*

סיסטעם באצייכענט מיט דעם נאמען פאלאנגען. די מעהרסטע פון זיי האבען זיך טאקי אזוי גערופען — פאלאנגען.

דער פוריעריזם איז געווען דאס ערשטע סאציאליסטישע סיסטעם, וואס איז אויסגעוואקסען אין א נאציאנאלע באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאאטען. די באוועגונג האט אנגעהאלטען ארום צעהן יאהר, פון 1840 ביז 1850, און האט באשאפען איבער פערציג סאציאלע עקספערימענטען אין פארשידענע טיילען פון לאנד.

3. די איקארישע קאלאניען זיינען געווען א רייה עקספערימענטען, וואס זיינען אויסגעוואקסען פון דער איינציגער אונטערנעמונג פון דעם פראנצויז עטיען קאבע. כאטש מיר באגעגנען זיי אין פינף באזונדערע שטאאטען, אין פארשידענע צייטען און אונטער אלערליי נעמען, מוז מען זיי דאך באטראכטען ווי איין געמיינדע.

די ערשטע געמיינדע, איקאריא, איז געגרינדעט געווארען אין 1848. און איהרע צאהלרייכע נאכפאלגער, וואס זיינען געווען א רעזולטאט פון שטענדיגע שפאלטונגען און איבערוואנדערונגען, האבען פארלענגערט איהר עקזיסטענץ ביז כמעט א האלבען יאהרהונדערט.

די איקארישע באוועגונג איז נאך געווען שטארק אין די פופציגער יאהרען פון פארגאנגענעם יאהרהונדערט, אבער נאך יענער צייט האט זי שוין געהאט ווייניג באדייטונג. כאטש זי איז אנגעפיהרט געווארען אויף אמעריקאנער ערד, האבען זיך אין איהר עקספערימענט באטייליגט כמעט אויסשליסליך פראנצויזען, און זי האט געהאט א גאנץ קליינעם איינפלוס אויף די מאדערנע סאציאליסטישע באוועגונג.

4. די רעליגיעזע געמיינדען זיינען געווען די שייקער, די פערפעקציאניסטען און איניגע געמיינדען, וואס די דייטשע עמיגראנטען האבען ארגאניזירט. זייער ערשטער ציעל איז אומעטום געווען די פרייע און אונגע־

שטערטע אויספיהרונג פון זייערע באזונדערע רעליגיעזע דאָגמען. זייער קאָמוניזם איז שוין געווען א שטריך פון צווייטער וויכטיגקייט ביי זיי, אין אייניגע פאלען איז ער געווען א טייל פון דעם רעליגיעזען סיסטעם; אין אנדערע איז ער אייגגעפיהרט געוואָרען ווי א מיטעל אָפּצוהיטען די גאנצקייט פון דער סעקט און צו דערווייטערען די מיטגלידער פון די איינפלוסען פון דער אפּיקורסישער וועלט.

זיי האָבען ניט געהאט קיין אלגעמיינע טעאָריען פון סאָציאלער איבערבויאונג. זיי האָבען ניט פּראָפּאגאנדירט קיין קאָמוניזם. זייערע קאָלאָניען האָבען זיי אויפגעבויט ניט צו לערנען עפּעס זייערע שכנים, דעמאָנסטרירען עפּעס פאר זיי, נאָר ווי אן עיר מקלט פאר זיך אליין. אין דער ליטעראטור איבער דעם געגענשטאנד ווערען זיי געוועהנליך אָנגערופען ר ע ל י ג י ע ז ע ג ע מ י י נ ד ע ן, אָבער אָט דער נאָמען דריקט קוים אויס זייערע אמת'ע ציעלען און זייער אמת'ען כאראקטער. זיי אונטערשיידען זיך פון די אנדערע געמיינדען ניט מיט דעם, וואָס זיי זיינען געווען רעליגיעז, — א סך געמיינדען פון די אנדערע גרופּען זיינען אויך געווען רעליגיעז; זיי אונטערשיידען זיך נאָר מיט דעם, וואָס זייערע רעליגיעזע גלויבענס אין ריטואלען זיינען געווען די גלויבענס און ריטואלען פון באזונדערע סעקטען.

אָט די געמיינדען זיינען געווען די ערשטע אין צייט, די שטארקסטע אין צאָהל, און אייניגע פון זיי עקזיסטירען נאָך ביז היינטיגען טאָג. אָבער אין דער געשיכטע פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג האָבען זיי געשפּיעלט א גאנץ אונוויכטיגע ראָל.

כאָטש אמעריקא איז געווען דאָס באליעבטע פעלד פאר אלערליי סאָציאלע עקספּערימענטען, זיינען אָבער אין אנדערע טיילען פון דער וועלט אויך געמאכט געוואָרען פּארזוכען צו פארווירקליכען א סאָציאלען אידעאלען לעבען אויף דעם מאסשטאב פון א קליינער געמיינדע. דער אינטערעסאנטסטער פון אָט די פּארזוכען איז אָהן צווייפעל די קאָלאָניע ק ר י נ י צ א אין רוסלאנד. מ אָ ר י ס ה י ל ק ו ו י ט.

# איינלייטונג

צווישען די פאַרשיעדענע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָנען פון אונזער צייט פאַרנעהמען די סאָציאַליסטישע געמיינדען א גאַנץ באַשיידענעם אָרט. זיי זיינען געווען אזוי ווענינ אין צאָהל, אז זיי האָבען, דוכט זיך, אין גאַנצען ניט געדאַרפט צוציהען צו זיך די געזעלשאַפטליכע אויפמערקזאמקייט. פון דעם שטאַנדפונקט פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט זיינען זיי ווירקליך געווען גאַנץ אונבאַדייטענד.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זיך די עפענטליכע מיינונג אלע מאָל זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט אזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען. יעדער פאַרזוך אזא, כאָטש ער האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגען דורכפאַל, האָט געהאַט זיינע אויפמערקזאַמע היסטאָריקער און איז ניט פאַרשוואונדען פון זכרון פון מענשען.

און די דאָזיגע פאַרזוכען אליין פלעגען געמאַכט ווערען אויף אזא באַשיידענעם מאַסשטאַב, אז, לעזענדיג א באַשרייבונג פון זיי, האָט איהר א זאָנדערבאַרען געפיהל: עס האַנדעלט זיך וועגען ערשיינונגען, וועלכע זיינען אין זייער אלגעמיינעם היסטאָרישען ווערט און אין זייער ווירקונג אויף די ארומיגע געזעלשאַפטליכע סביבה אזוי אונוויכטיג, אז עס איז גאָר אונבאַגרייפליך, ווי זייערע היסטאָריקער געפינען דאָס אין זיי אזא ערנסטע באַדייטונג.

אונז וואונדערט ניט, וואָס די געשיכטע פון דער קאַפיטאַליסטישער פאַבריק געפינט איהרע היסטאָריקער און פאָרשער. דאָ האַנדעלט זיך דאָך וועגען אן עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע באַשטימט די לעבענסבאַדינגונגען פון מיליאָנען מענשען און איבט אויס דעם מעכטיגסטען איינפלוס אויף דאָס גאַנצע סאָציאַלע לע-

בען פון אונזער צייט. מיט די סאָציאַליסטישע געמיינ־
דען אָבער איז שוין גאָר אַנאַנדער זאַך: מיט זיי איז
פארבונדען דאָס לעבען פון א גאַנץ קליינער גרופּע מענ־
שען, און ווענינער פון אַלץ האָבען זיי באוויזען, אז זיי
זיינען פעהיג צו פארמעהרען זיך.

אויב מיט זיבעציג יאָהר צוריק האָבען די פוריערים־
טען געקענט גלויבען, אז דער „מעטאָד פון סאָציאַלען
עקספּערימענט“, דאָס הייסט די אָרגאַניזירונג פון איינ־
צעלנע געמיינדען, כדי אויסצופּרואווען אין דער ווירק־
ליכקייט אַ נייע סאָציאַלע סיסטעם, איז דער איינציגער
מיטעל צו לעזען די סאָציאַלע פראגע פון דער ציוויליזיר־
טער מענשהייט, קאָנען מיר אָבער, מענשען פון צוואַנ־
ציגסטען יאָהרהונדערט, בשום אופן ניט גלויבען אין
דעם. ווער קאָן דען אין אונזער צייט גלויבען, אז פון
אזעלכע געמיינדען קאָן ארויסוואקסען א מעכטיגע גע־
זעלשאַפטליכע באוועגונג, וועלכע וועט פארניכטען די
אַלטע וועלט און וועט אויפשטעלען א נייע, אָהן געגענ־
זעצליכע אינטערעסען און געבויט אויף ליעבע, האר־
מאָניע און געזעלשאַפטליכען גליק?

אזעלכע חלומות זיינען געווען נאַטירליך און פאר־
שטענדליך מיט הונדערט יאָהר צוריק, ווען דער סאָציאַ־
ליסטישער געדאַנק האָט נאָך טאַפּענדיג אין דער פינס־
טער געזוכט זיין וועג. אָבער טיילען אזעלכע אנזיכטען
אין אונזער צייט וואָלט געהייסען ארויסווייזען אַן אָפּגע־
שטאַנענקייט אין דענקען.

און פונדעסטוועגען איז דער אינטערעס צו אָט די
פארזוכען זיך ארויסצורייסען דורך די אָנשטרענגונגען
פון איינצעלנע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ווייט
ניט פארשוואונדען אפילו אין אונזער צייט אויך. עס
איז קלאָר, אז אָט די געמיינדען האָבען עפּעס אַן אינ־
האַלט, וועלכער צווינגט צוצושרייבען זיי א גרויסע וויכ־
טיגקייט אפילו גאַנץ אונאָבהענגיג פון זייער צאָהל אין
דער עקזיסטירענדערווירטשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן
און פון זייערע שאַנסען אויף ווייטערע פארשפּרייטונג.

אָוען און פוריע, פּונקט ווי אַלע גרעסטע פאָרשטע־
הער פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק אין דער ערשטער

העלפּט פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט, זיינען געשטאַ־
נען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „מעטאָד פון סאָ־
ציאַלען עקספּערימענט". אָט דער שטאַנדפּונקט איז
אם קלאָרסטען פאָרמולירט אין דעם העכסט אינטערע־
סאַנטען היסטאָרישען דאָקומענט, וועלכען מען האָט שוין
איצט כמעט אין גאַנצען פאַרגעסען, כאָטש עס איז גאָר
קיין צווייפעל ניט, אז מיט איהם איז ענג פאַרבונדען דער
„קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון מארקס און ענגעלס,
וואָס האָט נאָך אזא מעכטיגען איינפלוס אויף דעם מאָ־
דערנעם סאָציאַליסטישען געדאנק. מיר רעדען דאָ ווע־
גען דעם „מאַניפעסט פון דער סאָציעטאַרער שול", פון
די פוריערנסטען, וועלכער איז ערשינען אין 1841.

„מיר זיינען סאָציאַלע אינזשענירען, — האָבען ער־
קלערט די פאַרפאַסער פון דעם פוריעריסטישען „מאַני־
פעסט", — מיר שטעלען פאָר פאר אונזערע צייט־גענאָ־
סען א פּלאַן פון א נייעם מעכאַניזם, וועלכער איז לויט
אונזער מיינונג פעהיג אויסצונוצען די גאַנצע ענערגיע
און טרייב־קראַפט פון דער מענשליכער נאַטור. אין
אונזער סיסטעם וועט קיין טייל פון אָט דער ענערגיע
ניט פארשווענדעט ווערען אויף זאכען, וואָס זיינען נוצ־
לאָז, שעדליך אָדער געפעהרליך פאר דער געזעלשאַפט.
מיר פאָדערען גאָרניט קיין געוואַלטזאמע אָפּשאַפונג פון
די שלעכטע סאָציאַלע מעכאַניזמען, וועלכע עקזיסטירען
אין אונזער צייט... מיר ווילען נאָר באקומען די מעג־
ליכקייט אויפצושטעלען א מאָדעל, אויף וועלכען מען זאָל
קאָנען אויספּרואווען דאָס נייע סיסטעם, אין דער פּראַק־
טיק פעסטשטעלען זיין ווירקליכען ווערט פאר דער גאַנ־
צער געזעלשאַפט, כדי אָט די געזעלשאַפט זאָל קאָנען
אָננעמען אָדער צוריקווייזען דאָס פאָרגעשלאָגענע סיס־
טעם אין דעם פולען באוואוסטזיין פון אלע אומשטענדען
און אלע זייטען פון דעם פּראָבלעם."

ווען געוואַלט ווערט באנוצט כדי צו פאַרווירקליכען
א נייע סאָציאַלע סיסטעם, באווייזט דאָס, אז די מעלות
פון אָט דעם סיסטעם זיינען ניט גענוג גרויס, אז מענשען
זאָלען איהם אָננעמען. „יעדע טעאָריע פון סאָציאַלער
רעפאָרם אָדער סאָציאַלען פּראָגרעס דארף קאָנען אויס־

געפּרואווט ווערען טיילווייז אויף א קליינעם מאַסשטאַב, בדי צו באוועגען די מענשהייט צו פאַרווירקליכען דאָס נייע סיסטעם דורך פרייוויליגען נאָכטאָן. אנדערש רי־זיקירט אזאַ טעאָריע צו ווערען ערקלערט פאַר אונזיניג, אונגוויסענד, אונמאָראליש און אונסאָציאַל."

ארויסגעהענדיג פון אזא איבערצייגונג האָבען אָוען און פוריע זיך געשטעלט פאַר זייער הויפט־אויפגאַבע צו באַשאַפען געמיינדען, אין וועלכע זייער סאָציאַלע סיס־טעם זאָל פאַרווירקליכט ווערען אין דער פּראַקטיק.

# אָוען און זיין ערשטע קאָלאָניע

לויט זיין מערקווירדיגער פראַקטישער ענערגיע פארנעמט אָוען א גאַנץ באזונדערען אָרט אין דער געשיכטע פון סאָציאליזם. ער האָט באשאפען א גאנצע רייהע פראַקטישע אונטערנעהמונגען, אייניגע פון וועלכע ווי צ. ב., די קאָנסום־גענאָסענשאפטען, זיינען געוואָרען דער אויסגאנגס־פונקט פון גאנצע געזעלשאפטליכע באוועגונגען און האָבען באקומען א גרויסע, היסטאָרישע באדייטונג. די פראַקטישע אָרגאניזאציאָנען, וואָס אָוען האָט פארווירקליכט אָדער אָנגעמערקט, זיינען גאַנץ פארשיעדען, און ווען מען נעהמט זיי צוזאמען, קאָנען זיי אלע ניט אריינגעהן אין א וועלכע עס איז סיסטעם.

אָבער פאר אונז זיינען דאָ איצט ניט וויכטיג די פראַקטישע מיטלען, וועלכע זיינען פאָרגעשלאָגען און טיילווייז אויסגעפּרואווט געוואָרען פון דעם, וועמען מיר האלטען מיט רעכט פאר דעם פאָטער פון דעם ענגלישען סאָציאליזם; פאר אונז איז דאָ וויכטיג זיין ענדליכער סאָציאַלער אידעאל. און אָט ווי דער דאָזיגער סאָציאַלער אידעאל שטעלט זיך אונז פאָר.

די עקזיסטירענדע אָבגעזונדערטקייט פון שטאָדט און דאָרף, אינדוסטריע און ערד־ארבייט, דארף פארשווינדען. די געמיינדע פון דער צוקונפט דארף פאראייניגען ערד־ארבייט מיט אינדוסטריעלער ארבייט. די ווירטשאפטליכע ארבייטען דארפען געטאָן ווערען געמיינשאפטליך אויפ'ן חשבן פון דער געמיינדע, און אלע אויסגעארבייטע פראָדוקטען דארפען געהערען צו דער געמיינדע. אויף אזא'ן אופן וועט אין איהר ניט זיין קיין פריוואט אייגענטום ניט נאָר אויף פראָדוקציאָנסמיטלען, נאָר אויך אויף ארטיקלען פאר'ן געברויך, וועלכע וועלען איבערגעהן אין באזיץ פון איינצעלנעם מענשען נאָר אין דעם מאָמענט פון געברויכען. און אזעלכע

זאַכען, וועלכע מוזען גלייך פון אָנהויב אָן באַנוצט ווע־רען, ווי צום ביישפּיעל וואוינונגען אָדער מעבעל, קענען געהערען אָן איינצעלנעם מענשען נאָר אין דער צייט ווען זיי ווערען באַנוצט.

יעדער איינער קלייבט זיך אוים זיין אַרבייט לויט זיינע נייגונגען און זיין געשמאַק, און אַלע אַרבייטען גע־מיינשאַפטליך. דערביי זעהט די געמיינדע, אַז די אַר־בייט זאָל זיין וואָס אַנציהענדער און אַנגענעהמער. אַרבייטען וואָס זיינען אונאַנגענעהם, אונגעזונד אָדער צו שווער, דאַרפען אויך ווי ווייט מעגליך באַזייטיגט ווע־רען דורך איינפיהרען מאַשינען.

און אום צו קאָנען אויסנוצען אַלע פאָרטיילען ניט נאָר פון פּראָדוקציאָן, נאָר אויך פון געברויך, וואוינען די מיטגליעדער אין דער צענטראַלער געביידע פון דער גע־מיינדע, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר א פּרעכטיגען פּאַלאַץ. אין אָט דעם פּאַלאַץ באַוואוינט יעדע פאַמיליע איהר באַזונדערע קוואַרטיר, אָבער די קינדער ווערען פון דעם פריהסטען עלטער ערצויגען צוזאַמען. די ערצי־הונג איז אַ שטרענג מעטאָדישע און האָט דעם ציעל אויסצואַרבייטען דעם פאָלקאָמענסטען מענשליכען כאַ־ראַקטער.

און טאַקע אויף אַזא פאַרנינפטיגע ערציהונג, וועל־כע דאַרף אין גאַנצען ענדערען דעם מענשען און מאַכען פון איהם א נייע באַשעפעניש, אָהן די פעהלערען און שוואַכקייטען פון אונזער צייט, אָט אויף אַזאַ ערציהונג האָט אָוען געלעגט זיין גאַנצע האָפנונג. אין אַלע ביכער און אַרטיקלען וועגען דער איינאָרדנונג פון דער צוקונפ־טיגער געזעלשאַפט פאַרנעהמען די פראַגען פון ערציהונג דאָס אָנגעזעהענסטע אָרט.

די צאָהל מיטגליעדער פון אַזא קאָאָפּעראַטיווער געמיינדע קאָן זיין פאַרשיעדען אין די גרענעצען פון צווישען 500 און 3000. א געמיינדע מיט מעהר מיט־גליעדער וואָלט געוועזען שווער צו פאַרוואַלטען, און א גע־מיינדע פון וועניגער ווי 500 מיטגליעדער וואָלט ניט געוועזען גענוג גרויס.

יעדע געמיינדע דארף האָבען פאר איהרע צוועקען א געוויסען טייל לאַנד. פאר אן אָנהויב דארף זי האָבען ניט מעהר ווי איינעם אָדער צוויי אַקער לאַנד פאר יעדען מיטגליעד. שפּעטער, ווען די בעארבייטונג פון ערד אין דער געמיינדע וועט ווערען אינטענסיווער און וועט דער־גרייכען די מדרגה פון גאָרטען קולטור, וועט זיין גענוג צו העלפּט אָדער דריטעל אַקער אויף יעדע פּערזאָן.

די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּראָדוק־ציאָן און דעם געברויך וועט ניט נאָר צושטעלען אַלץ, וואָס די מיטגליעדער פון די געמיינדען דארפען האָבען נאָר וועט זיי געבען רייכטום, מיט וועלכען אַלע מיטגליע־דער וועלען זיך גלייך באַנוצען.

די איינצעלנע געמיינדען וועלען זיין אונאַבהענגיג איינע פון דער אנדערער. די מאָדערנע מלוכות וועלען פארשווינדען און אויף זייער אָרט וועלען זיין די געמיינ־דען, וועלכע וועלען שליסען א בונד צווישען זיך, כדי אויסצופיהרען ארבייטען וואָס זיינען איבער די כחות פון דער איינצעלנער געמיינדע. אַזעלכע פארבאַנדען פון געמיינדען וועלען זיין פאָלשטענדיג פריי. עס וועט אין זיי ניט זיין אפילו קיין סמן פון צוואַנג.

און אזוי, ביסלעכווייז, האָט אָוען געהאָפּט, וואָלט דער גאַנצער ערד־קוגעל זיך באַדעקט מיט קאָאָפּעראַ־טיווע געמיינדען, וועלכע וואָלטען געוואָרען די איינציגע פאָרם פון מענשליכען צוזאַמענלעבען. די וועלט וועט דאַן באַקומען גאָר אַן אנדער אויסזעהן. מען וועט מעהר ניט זעהן די גרויסע שטעדט מיט אונגעהויער גרויסע צאָהלען מענשען אין איינזיגע פּונקטען. נאָר אומעטום גלייך וועלען זיך דאַן פארשפּרייטען די פּאַלאַ־צען פון די קאָאָפּעראַטיווע געמיינדען, מיט זייערע גאָר־טענס און בליהענדע פעלדער.

און דער לעבעדיגסטער פאַרקער וועט אָנגעהאַלטען ווערען צווישען די איינצעלנע געמיינדען, און יעדער מיטגליעד פון אַזא געמיינדע וועט האָבען דאָס רעכט אריבערצוגעהן אין אן אנדער געמיינדע, אויב עס וועט זיין אין איהר פאר איהם אן אָרט. אויף אַזאַ'ן אופן

וועלען אַלע געמיינדען זיך פיהלען אינערליך פארבונדען, און יעדע געמיינדע וועט צו דער זעלבער צייט זיין איהר אייגענע איינציגע און העכסטע מאכט.

די אָרגאַניזאַציאָן פון פּראָדוקציאָן און פארוואל־טונג אינערהאלב יעדער געמיינדע וועט זיין איינגעאָר־דענט אויף דעם פאָלגענדען אופן. די גאַנצע באַפעלקע־רונג וועט זיין איינגעטיילט אין גרופּען לויט דעם עלטער. קינדער וועט מען פון צוועלף יאָהר אָן לערנען אלערליי ווירטשאַפטליכע ארבייטען. צו צוואַנציג יאָהר וועט זיך דער טעאָרעטישער אונטעריכט ענדיגען.

די ווירטשאַפטליכע ארבייט וועט ליגען הויפּטזעכליך אויף יונגע לייט פוןביידע געשלעכטער אין דעם עלטער צווישען 20 און 25 יאָהר. אין דעם עלטער צווישען 25 און 30 יאָהר וועלען מענשען אָפּגעבען פאר ווירטשאַפט־ליכע ארבייט נאָר צוויי שעה אין מעת לעת, דאַן וועלען זיי אין גאַנצען זיין פריי פון דער ארבייט.

די פארוואלטונג פון אלע אינערליכע געשעפטען פון דער געמיינדע וועט ליגען אויף אלע איהרע מיטגליעדער אין העם עלטער פון צווישען 30 און 40 יאָהר, און די פארוואלטונג פון די אויסערליכע אנגעלעגענהייטען וועט איבערגעגעבען ווערען צו די עלטערע מיטגליעדער פון 40 ביז 60 יאָהר.

אזא זאָנדערבארע פארוואלטונגס־סיסטעם, וואָס איז באַזירט אויף אַ צוטיילונג פון דער באַפעלקערונג לויט העם עלטער, לעגט אונז פאָר דערפאַר, ווייל ער ווייזט ענטשיעדען צוריק יעדע סיסטעם פון וועלכע עס איז וואהלען. „וואהלען פארדארבען סיי די וועהלער, סיי די ערוועהלטע, און ברענגען דער געזעלשאַפט אַן אונגעהויערען שאָדען. די ערגסטע ליידענשאַפטען און יעדער מעגליכער מין פון באטרוג ווערען באַשאַפען, ווען די אינטערעסען ביי די וואהלען שטויסען זיך צונויף“.

אָנשטאָט א וואהל־סיסטעם, וויל אָוען איינפיהרען א געזעלשאַפטליכע פארוואלטונג, צוציהענדיג צו איהר די גאַנצע ערוואקסענע באַפעלקערונג, וועלכע איז איי־

געטיילט אין גרופּען לויט דעם עלטער, אויף דעם אויבען באשריבענעם אופן.

אויף אזא'ן אופן פארשווינדט אין גאנצען די נויט־ווענדיגקייט פון א וועלכער עס איז באזונדער אויסגע־וועהלטער רעגיערונג, און אלע מענשען ווערען גלייך ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש. יעדע מאַכט פון איין מענשען איבער אנדערע ווערט איבעריג, ווייל יעדער וויים, אז ווען ער וועט דערגרייכען א געוויסען עלטער, וועט ער זיך באטייליגען אין דער פארוואלטונג פון דער געמיינדע.

---

דער ערשטער און גרעסטער פּראַקטישער עקספּערי־מענט פון אָוען איז געווען זיין באריהמטע געמיינדע „ניו הארמאָניע". די געשיכטע פון אָט דער קאָלאָניע איז אזא.

די רעליגיעזע סעקטע ראַפּיסטען, וועמעס גרינדער איז געווען איינער מיט'ן נאָמען ראַפּ, האָט באשאַפען אין אמעריקא, אין דעם שטאַאט אינדיאנא, א גרויסע געמיינדע פון עטליכע הונדערט מענשען. די געמיינדע האָט געבליהט און האָט זיך פארנומען מיט ערד־ארבייט. דער צענטער פון דער געמיינדע איז געווען א דאָרף „הארמאָניע", וועלכען די ראַפּיסטען האָבען אויפגע־בויט. דער דאָרף איז באשטאנען פון גוטע הייזער און אלערליי ווירטשאַפטליכע געביידען, אלץ געבויט פון ציגעל.

די געמיינדע האָט זיך ניט פארנומען בלויז מיט לאנדווירטשאַפט. זי האָט זיך אויך פארנומען אין א גאנץ גרויסער מאָס מיט אינדוסטריעלער טעטיגקייט: זי האָט געהאַט א זיידען און וואָל־פאבריק, א זעג־מיהל און נאָך אנדערע פאבריקען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי זיינען געווען זעהר ערפאָלגרייך אין זייער ווירטשאַפט, זיינען די מיט־גליעדער פון דער געמיינדע ניט געווען צופריעדען מיט דעם אָרט און האָבען אין 1824 באשלאָסען אויסצוואַ־וואנדערען אויף אַן אנדער אָרט. פאר אן אורזאך פון

אזא אויסוואַנדערונג האָט מען אָנגעגעבען דעם אונגעזונטען קלימאַט פון דעם געגענד, וואו „האַרמאָניע“ האָט זיך געפונען. מען קאָן אָבער אָננעהמען, אז דער פיהרער פון דער סעקטע האָט אויסער דעם קלימאַט געהאַלטען אָן אויסוואַנדערונג פאר ווינשענסווערט צוליעב רעליגיעז־מאָראַלישע אורזאכען: האָבענדיג אָן אַסקעטישען אידעאַל, האָט ראַפּ געפונען פאר נויטיג פאר זיינע נאָכפאָלגער ניט צו בלייבען לאַנג אויף איין אָרט.

ווי די זאך זאָל ניט זיין, די געמיינדע האָט באַשלאָסען צו פארקויפען איהר גאַנצען אייגענטום. א קונה האָט זיך געפונען אין דער פּערזאָן פון אָוען, וועלכער האָט שוין לאַנג געזוכט א פּאַסענדען אָרט אויפצושטעלען א גרויסע קאָמוניסטישע געמיינדע. ווען דער פאָרשטעהער פון די ראַפּיסטען איז געקומען צו אָוען, וועמעס נאָמען איז שוין דאַן געווען באַריהמט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, איז דער פאָרשלאַג גלייך אָנגענומען געוואָרען, און דער אָפּמאַך איז געשלאָסען געוואָרען.

מיט א יאָהר שפּעטער איז אָוען געקומען אין אַמעריקאַ און האָט געקויפט פאר דרייסיג טויזענד פונט סטערלינג דאָס גאַנצע פארמעגען פון די ראַפּיסטען, וואָס איז באַשטאַנען פון צוואַנציג טויזענד אַקער אויסגעצייכענטע ערד, מיט אַלע נויטיגע געביידען און פיעלע פאַבריקען. דאָס גוט איז געווען אין דעת בעסטען צושטאַנד, אין דער הינזיכט פון אויסשטאַטונג האָט מען גאָר בעסער ניט געקאָנט פארלאַנגען.

דער נאָמען ראָבערט אָוען איז שוין דאַן געווען גוט באַקאַנט אין דער נייער וועלט. אין ניו יאָרק האָבען זיינע נאָכפאָלגער שוין מיט עטליכע יאָהר פריהער געגרינדעט א „געזעלשאַפט צו העלפען גרינדען געמיינדען“, וועלכע האָט אין 1823 אָנגעהויבען ארויסצוגעבען א באַזונדערע צייטשריפט.

נאָכדעם ווי אָוען איז געקומען אין אַמעריקאַ און האָט אָפּגעקויפט „האַרמאָניע“, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען „ניו האַרמאָניע“, האָט אונזער סאָציאַלער רעפאָרמער געהאַלטען א רייה לעקציעס אין וואַשינגטאָן

פאר די אויסגעקליבענסטע מענשען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען פיעלע אמעריקאנער שטאאטס־מענער און דער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען אליין. אין די לעקציעס האָט ער געגעבען אן ערקלע־רונג וועגען זיין אונטערנעהמונג און איהר באדייטונג.

לויט זיין ערקלערונג, האָט „ניו האַרמאָניע" גע־דארפט זיין די ערשטע פון א רייהע געמיינדען פון דעם זעלבען טיפּ, וועלכע האָבען געזאָלט זיך פארמעהרען און ביסלעכווייז בילדען א פּאָליטישען פארבאנד און מיט דער צייט איינעם פון די פאראייניגטע שטאאטען.

אָוען'ס אויפרוף האָט געהאט א שנעלען ערפאָלג: „ניו האַרמאָניע" איז שנעל אָנגעפילט געוואָרען מיט מענשען. עס זיינען געוועזן אזוי פיעל אפּליקאנטען, אז עס איז געווען שווער זיי אָלעמען צו באזעצען אין דער קאָלאָניע. פונדעסטוועגען האָט מען צווישען די קאנ־דידאטען ניט געקליבען, כאָטש דאָס איז צוערשט געווען די אבזיכט פון דעם גרינדער פון דער קאָלאָניע. אין פארלויף פון עטליכע וואָכען האָט מען שוין אין „ניו האַרמאָניע" געצעהלט ארום 900 מיטגליעדער.

## דער דורכפאַל פון די אָוועניסטישע קאָלאָניען

דאָס וואָס מען האָט אין אָוען'ס ערשטער קאָ־לאָניע, „ניו האַרמאָני", ניט אויסגעקליבען פּאסענדע מענשען פאר מיטגליעדער, האָט געפיהרט צו שלעכטע רעזולטאטען. ראָבערט אָוען'ס זוהן, וויליאַם, האָט שוין אין עטליכע מאָנאטען ארום געשריבען זיין פאָ־טער: „מיר ווייסען ניט וואָס צו טהאָן מיט די, וואָס נעמען זיך אונטער אלץ צו טהאָן און וואָס האָבען קיין בעשטימטע פּראָפעסיאָן ניט. זיי טהוען גאָר ניט און זיינען מיט קיין זאך ניט צופריעדען. פון פיעלע פון זיי האָבען מיר זיך שוין בעפרייט, אָבער עס זיינען נאָך געבליבען א סך אזעלכע."

מען וואָלט געקענט ערווארטען, ביי אזא צופע־

ליגער צוזאמענשטעלונג פון דער מיטגליעדערשאפט פון „ניו הארמאָני“, אז קיין ווירטשאפט וועט דאָ איבערהויפט ניט קענען געפיהרט ווערען. דאָך האָט וויליאם אָוען, דער הויפט־פערוואלטער פון דער געמיינדע, בעוויזען אזוי גוט אלץ צו אָרגאניזירען, אז פאר א געוויסע צייט האָט אויסגעוויזען, אז די ארבייט געהט צו זעהר גוט. בעזונדערס ערפאָלגרייך זיינען געוועזען די פערשיעדענע ווערקשטאטען, וועלכע האָבען אגב געארבייט פאר דער געמיינדע אליין. די זעג־מיהל אָבער האָט געארבייט אויך פאר פרעמדע קונדען. פערקערט, די מאנופאקטור ווערקשטאטען, וועלכע זיינען אזוי גוט געגאנגען אין דער פריהערדיגער געמיינדע פון די ראפיסטען, האָבען זיך איצט אָבגעשטעלט, ווייל עס האָבען געפעהלט ערפאהרענע ארבייטער.

פון וויליאם אָוען'ס קאָרעספאָנדענץ מיט זיין פאָטער איז צו זעהן, אז דער גרינדער פון דער קאָלאָניע האָט זיך זעהר ווייניג באטייליגט אין איהר פארוואלטונג און האָט אפילו צייטענווייז גאָר לייכטזיניג געהאנדעלט אין בעצוג צו איהר. אזוי, צום ביישפיעל, וואונדערט זיך וויליאם אָוען, ווי אזוי זיין פאָטער האָט איינגעלאַדען אין געמיינדע אזוי פיעל מענשען און האָט צוגעצויגען גאָר ניט די ארבייטער, אין וועלכע די געמיינדע האָט זיך גענויטיגט.

אין דער געמיינדע האָבען זיך געפונען זעהר פיעל שלאָסער און מעטאל ארבייטער, אָבער עס איז געוועזען א גרויסער מאנגעל אין בוי־ארבייטער. און בוי־ארבייטער זיינען געוועזען זעהר נויטיג פאר דער געמיינדע, ווייל עס זיינען ניט געוועזען גענוג וואוינונגען פאר אלע מיטגליעדער. עס האָבען אויך אויסגעפעהלט מענשען פאר הויז ארבייט, בעזונדערס קוכערס און וועשערינס.

אין דער געמיינדע זיינען געוועזען פיעלע פערהייראטע מענשען און ארום 130 קינדער. די גרויסע מעהרהייט פון מיטגליעדער זיינען געוועזען פון דעם ארבייטער־קלאס; אָבער עס האָבען דאָ אויך ניט געפעהלט קיין פאָרשטעהער פון די אזוי גערופענע ליבע־

ראַלע פּראָפעסיאָנען, אריינרעכענענדיג עטליכע אָנגעזעהענע פאָרשטעהער פון אמעריקאנער וויסענשאַפט און ליטעראטור.

אזוי איז, גלייך ווי די געמיינדע האָט זיך געגרינדעט, צו איהר צוגעשטאנען דער גרעסטער געאָלאָג פון אמעריקא, מעקליור, דער פּרעזידענט פון דער פילאדעלפיער וויסענשאַפטליכער אקאדעמיע און אַ זעהר רייכער מענש. זיין הויפּט־אינטערעס אין דער געמיינדע איז געוועזן די ערציהונגס־פראגע, און ער האָט וועגען דעם אָנגעשריבען עטליכע ווערק. צוזאמען מיט אָוען האָט ער פיעל געהאָלפען דער קאָלאָניע מיט געלט.

נאָך עטליכע בעריהמטע וויסענשאַפטס־מענשען האָבען זיך אַקטיוו בעטייליגט אין דער געמיינדע. צווישען זיי זיינען געוועזן סעי, אַ זאָאָלאָג און אויטאָר פון עטליכע ווערק, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען אין „ניו האַרמאָניע"; לעזיר, אויך אַ זאָאָלאָג; טראָסט, אַ בעמיקער, שפּעטער פּראָפעסאָר אין אַן אמעריקאנער אוניווערסיטעט, און אנדערע. אַ גאנצע גרופּע פון זיי איז נאָך אַ לאנגער רייזע איבער דעם טייך אָהייאָ אָנגעקומען אין „ניו האַרמאָניע".

אין אָנהויב פון 1826 האָט די געמיינדע אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציאָן און דעם נאָמען „די ניו האַרמאָניע געמיינדע פאר גלייכהייט". די געמיינדע האָט זיך איינגעטיילט אין זעקס אָבטיילונגען: ערד ארבייט, אינדוסטריע, ליטעראטור, וויסענשאַפט און בילדונג, הויז ארבייט, אַלגעמיינע ווירטשאַפט און האנדעל. יעדע אָבטיילונג האָט געהאט איהר אויסערוועהלטען פערוואלטער, וועלכער פלעגט זיך צוקלייבען פיער געהילפען. די אַלע צוזאמען מיט דעם גענעראַל סעקרעטאר האָבען צונויפגעשטעלט דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט פון דער געמיינדע.

די קאָנסטיטוציאָן האָט געלויטעט: „אַלע מיטגליעדער דארפען בעטראכט ווערען ווי מיטגליעדער פון איין פאמיליע. קיינער טאָר ניט האָבען מעהר אָדער ווענינער כבוד צוליעב זיין בעשעפטיגונג. אַלע דאר־

פען אויף ווי ווייט מעגליך בעקומען דיזעלבע שפייז, קליידער און ערציהונג; און אויף ווי ווייט דאָס איז מעגליך, דארפען אַלע וואוינען אין די זעלבע מעבלירטע הייזער. יעדער מוז אָבגעבען זיין גאַנצע ארבייט פאַר דער געמיינדע". אַנדערש געַרעדט, די געמיינדע איז געוועזן געבויט אויף ריין קאָמוניסטישע פרינציפען.

די קאָנסטיטוציאָן האָט אָנגעפילט מיט ענטוזיאַזם די מיטגליעדער. איין מיטגליעד, פעלהעם, האָט דאַן געשריבען צו זיין זוהן אזוי: „ביז איצט איז די טהעטיגקייט פון דער קאָלאָניע געוועזן זעהר אונרעגעלמעסיג, און דאָס האָט פאראַליזירט די ענערגיע פון די מיטגליעדער. איצט אָבער איז אונזער וועג קלאָר, און מיר קענען זיך שוין ניט אומקערען צו דער פריהערדיגער אונאָרדנונג. די טיילען פון אונזער ריעזיגער מאשין זיינען אזוי גוט צוגעפאסט איינער צום צווייטען, אז די רעזולטאטען מוזען זיין די בעסטע. איך גלויב, אז אין א האלב יאָהר ארום וועט שוין אונזער מאשין ארבייטען ווי א זייגער. אָוען איז א מערקווירדיגער מענש, אזא מענשען האָט נאָך די געשיכטע ניט ארויסגעגעבען. זיין חכמה, ווייטער בליק און פראקטישער פערשטאנד און וויסען, און דער עיקר זיין אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט און אָפענער כאראקטער האָבען גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט ניט אין דער אַלטער, ניט אין דער נייער געשיכטע."

די קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען כמעט איינשטימיג. צווישען די, וואָס זיינען ניט געוועזן איינשטימיג, איז געוועזן איינער פון אָוען'ס הויפטהעלפער, קאפיטאן מעקדאָנאלד, וועלכער האָט וועגען דעם אָבגעדרוקט אַן ערקלערונג אין דער צייטונג פון „ניו הארמאָניע". מעקדאָנאלד איז געוועזן געגען אירגענד וועלכער פערוואלטונג אין דער געמיינדע, אפילו דער דעמאָקראטישסטער. ער האָט געהאלטען, אז די ערוועהלונג פון פערוואלטער מוז ברענגען צו רייסערייען אין דער געמיינדע, און די לעצטע וועט אויפהערען צו זיין איין פאמיליע.

די קאָנסטיטוציאָן איז געשטיצט געוואָרען פון אָוען, וועלכער איז דאן געקומען פון איירָאפּא. אָבער עס האָט זיך באלד ארויסגעשטעלט, אַז עס קען ניט זיין קיין פאָלשטענדיגע איינינקייט אין אזא גרויסער געמיינדע, ווי „ניו הארמאָניע“, און מען האָט בעשלאָסען צו מאכען פון איהר עטליכע קלענערע. צוערשט האָבען זיך אויסגעטיילט צוויי געמיינדען, אין וועלכע מען האָט אָבגעשאפט די וואהלען. אלע מיטגליעדער זיינען אין זיי אריין אין די פערוואלטונג, ווען זיי זיינען נאָר געווען פון א געוויסען עלטער.

אָוען האָט ניט געשטערט דער אויסטיילונג פון בעזונדערע געמיינדען. פערקערט, ער האָט בעגריסט די ערשיינונג פון די נייע געמיינדען און, מיט זיין געוועהנליכען אָפּטימיזם, האָט ער זעהר פיעל האָפנונג געלעגט אויף זיי.

די מיטגליעדער פון „ניו הארמאָניע“ האָבען זיך געמאָלען דאָס לעבען אין זייער קאָלאָניע אין די אָנציהענדסטע פארבען. אָוען'ס זוהן, ראָבערט דעיל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען א בעריהמטער אמעריקאנער שטאאטסמאן און דער אמעריקאנער געזאנדטער אין נעאפּאָל, דערמאָנט אין זיין אויטאָביאָגראפיע מיט פערגניגען די צייט וועלכע ער דאָט פערבראכט אין דער געמיינדע אין זיינע יונגע יאָהרען. אמת, דאָס לעבען איז געווען איינפאך, מען האָט געדארפט טהאָן שווערע פיזישע ארבייט (און אָוען'ס קינדער זיינען דאָך ערצויגען געוואָרען אין א רייכען הויז). דערפאר האָבען די מיטגליעדער זיך געקענט פיעל אמוזירען. יעדען טאָג פלעגען געגעבען ווערען בעלער און קאָנצערטען. מען פלעגט האָבען פערזאמלונגען און דיסקוסיאָנען. און דאָס אלץ איז געבליבען פריש אין דעיל אָוען'ס זכרון פיעלע צעהנדליגער יאָהרען.

אין 1826 האָט דער הערצאָג פון זאקסען־וויימאר בעזוכט די קאָלאָניע. ער איז געווען א שארפער בעאָבאכטער און האָט אלץ בעשריבען, וואָס ער האָט געזעהן. דער טיפער גלויבען פון די מיטגלידער אין

זייער צוקונפט האָט געוואונדערט דעם הערצאָג, אָבער ער האָט בעקומען דעם איינדרוק, אז די קאָלאָניע וועט לאַנג ניט עקזיסטירען און וועט באַלד צופאַלען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס גלייכהייט איז דאָ געווען דער יסוד פון צוזאַמענלעבען און דאָס לעבען פון אלע־מען איז געווען בעשיידען, האָט זיך איהם דאָך גלייך נעוואָרפען אין די אויגען די צוטיילונג אויף צוויי גרו־פען — מענשען פון פיזישער ארבייט און מענשען פון בעסערער געזעלשאַפט. „די צוויי גרופען האָבען זיך געהאַלטען בעזונדער, אין זייער אייגענעם קרייז. כאָטש צו די טענץ פלעגען זיך אלע צונויפקומען, פלעגען אָבער די פרייליינס פון דער „געזעלשאַפט“ ענטזאגען זיך צו טאַנצען מיט קאוואַלערען פון איינפאַכען פאָלק, און די לעצטע פלעגען מיט אונצופריעדענהייט זיך אונטער־ווארפען זייער ביטערען מזל.“

מעהר פון אלץ האָט דעם הערצאָג געוואונדערט, וואָס מען האָט אזוי פיעל געטאַנצט — כמעט יעדען אָוונד. ער דערצעהלט וועגען אַ שעהנער פריילין, וועלכע האָט זעהר גוט געשפיעלט פיאַנאָ און געזונגען, האָט אָבער ניט ליעב געהאַט צו מעלקען קיה. זי האָט זיך פאר איהם בעקלאָגט אויף דאָס „סאָציאַלע סיס־טעם“, וועלכע צווינגט איהר צו טהאָן איינפאַכע פיזישע ארבייט. אונגליקליכע ליעבע האָט איהר געבראַכט אין „ניו הארמאָניע“.

דעם הערצאָג זיינען שטארק געפעלען די שולען און די לעהרער מעטאָדען אין זיי. דאָרט האָט מען זיך פיעל פערנומען מיט פיזישע איבונגען און ספאָרט. די קינדער האָבען אויסגעזעהן געזונט און פרעהליך.

אָבער שוין אין אָנהויב 1827 האָט אָוען איינגע־זעהן, אַז דער עקספערימענט מיט „ניו הארמאָניע“ איז דורכגעפאַלען. די פיעלע בעלער און טענץ, וועל־כע האָבען ערשטוינט דעם הערצאָג, האָבען ניט שטארק עדות געזאָגט, אַז די מיטגליעדער זיינען געווען מענשען וואָס ליעבען ארבייט. און די שעהנע פריי־ליין, וואָס האָט זיך בעקלאָגט אויף דאָס „סאָציאַלע

סיסטעם", אילוסטרירט אם בעסטען, ווי צופעליג די מיטגליעדערשאַפט איז צוזאַמענגענומען געוואָרען.

די אונמיטעלבארע אורזאך פון דעם דורכפאַל איז געווען דאָס, וואָס די געמיינדע האָט ניט געקענט אויס־ארבייטען גענוג פּראָדוקטען פאר אַלע איהרע מיטגליע־דער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי האָבען געלעבט אזוי בעשיידען. די טענץ האָבען נאַטירליך ניט גע־קענט פערבייטען פּראָדוקטיווע ארבייט. סוף כל סוף האָט אָוען געמוזט אויפלעזען די געמיינדע. גלייכצייטיג אָבער האָט ער ערקלערט, אז ער איז גרייט אָבצוגעבען דאָס לאַנד צו יעדער אנדער געמיינדע, וואָס איז געבויט אויף די זעלבע פּרינציפּען, ווי די אויפגעלעזטע.

ווי אָוען אליין דערצעהלט, האָבען פיעלע מיט־גליעדער פערלאָזען ניו הארמאָניע מיט דעם געפיהל פון ביטערסטער ענטוישונג און אונצופריעדענהייט מיט איהם. אָבער אנדערע האָבען נאָך אַלץ געפּרואווט אָר־גאַניזירען אַ קאָמוניסטיש לעבען אין ניו הארמאָניע. אָוען, וואָס האָט קיינמאָל ניט פערלאָרען אַלע האָפ־נונגען אויף ערפאָלג, האָט אביסעל שפּעטער מודיע געווען, אז „אויף די רואינען פון דער אַלטער געמיינדע זיינען שוין ענטשטאַנען אכט נייע, און אז דאָס „סאָ־ציאַלע סיסטעם" איז איצט שוין פאָלשטענדיג פעסט־געשטעלט געוואָרען". און שוין מיט דריי וואָכען שפּע־טער האָט ער אַנאָנסירט, אז אין ניו הארמאָניע עקזיסטירען צעהן קאָמוניסטישע געמיינדען. אָבער די אַלע גע־מיינדען האָבען אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירט. און ער האָט באַלד אַליין צוגעגעבען, אז עס איז גאָר ניט געוואָרען פון זיין פּלאַן צו באַשאַפען „אַ נייע מאָראַלע וועלט". דער גרעסטער טייל פון לאַנד איז געבליבען אין זיין באזיץ, דאָס איבריגע האָט ער פאַר־קויפט שטיקלעכווייז צו פּריוואַטע פּערזאָנען.

דער עקספּערימענט האָט געקאָסט ארום פערציג טויזענד פונט סטערלינג (ארום צוויי הונדערט טויזענד דאָלאַר). דאָס האָט באַטראָפען כמעט אַ העלפט פון אָוען'ס פארמעגען, וואָס איז ווערט געווען אונגעפעהר

הונדערט טויזענד פונט סטערלינג. זיינע פיער זיהן זיינען געבליבען אין ניו הארמאָניע און זיינען געוואָרען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען. מעקליור איז ביז זיין טויט געווען פארבונדען מיט ניו הארמאָניע. סעי האָט די קאָלאָניע אויך ניט פארלאָזען. און די ביידע געלעהרטע האָבען פארעפענטליכט אין ניו הארמאָניע א רייהע וויסענשאַפטליכע ביכער.

אלס פארזוך אויפצובויען א קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, איז „ניו הארמאָניע" געווען א פאָלשטענדיגער דירכפאל. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אז אָוען'ס אונטערנעהמונג האָט קיין קולטורעלען ווערט ניט געהאַט. פארקערט, פאדמאָר, דער פארפאסער פון דער גרעסטער און אונפארטייאישסטער ביאָגראפיע פון אָוען, זאָגט, אז „ניו הארמאָניע" איז אין פארלויף פון א גאַנצען דור פארבליבען דער וויסענשאַפטליכער און ערציהונגס־צענטער פון דעם וועסטליכען טייל פון די שטאאטען, און דער איינפלוס פון אָט דעם צענטער האָט זיך געפיהלט אויף פארשיעדענע געביעטען פון סאָציאלען און פאָליטישען לעבען פון לאַנד. און ביז אויף היינטיגען טאָג איז אָוען'ס פערזענליכקייט געבליבען לעבען אין דער שטאָדט, וועלכע ער האָט געגרינדעט. ניו הארמאָניע איז גאָר ניט עהנליך צו אַנדערע שטעדט אין די וועסטליכע שטאאטען. דאָס איז א שטאָדט, וואָס האָט איהר געשיכטע. דער שטויב פון צושטערטע האָפנונגען האָט דאָ באשאפען א באָדען פאר דעם מאָדערנעם לעבען. אָוען'ס נאָמען טראָגען נאָך איצט עטליכע אָנגעזעהענע בירגער, וועלכע שטאמען אָב פון דעם גרויסען סאָציאליסט. די שטאָדט שטאָלצירט מיט איהר ביבליאָטעק פון 15,000 טייערע און זעלטענע ביכער, וועלכע ווערט פארוואלטעט פון אן איניקעל פון איינעם פון די ערשטע קאָלאָניסטען.

אויסערליך האָט „ניו הארמאָניע" געהאַט די בעסטע שאַנסען אויף ערפאָלג. זי איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון א זעהר פעהיגען, זעהר ערפאהרענעם אָרגאניזאַטאָר, האָט געהאַט איבערגענוג געלט און האָט

נאָך באַקומען בירושה אַ בליהענדע קאָלאָניע, מיט אַלץ, וואָס איז נויטיג, אין בעסטען צושטאַנד, פון די ראַפּיסטען. און דאָך איז די געמיינדע שנעל צושטערט געוואָרען. דאָס ערקלערט זיך טיילווייז טאַקי דערמיט, וואָס די אויסערליכע באַדינגונגען ביי איהר גרינדונג זיינען געווען אַזוי גינסטיג. אין אַזעלכע אונטערנעהמונגען דאַרף מען צוקלייבען די פּאַסענדע מענשען, ווייל ניט יעדער איינער קאָן זיין ניצליך אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. מענשען זיינען צוגעצויגען געוואָרען דורך די אָנגענעהמע און אָנציהענדע לעבענס באַדינגונגען, און די קאָלאָניע איז אין גיכען געווען איבערפילט מיט מענשען, וועלכע האָבען פאַר איהר ניט געטויגט. פיעלע זיינען אהער געקומען אויס נייגיעריגקייט, אַנדערע ווידער האָבען דאָ געהאָפט צו לעבען לייכט און ניט דאַרפען אַרבייטען. מען האָט זיך דאָ זעהר פיעל אַמוזירט, און דאָס לעבען איז געווען אַנגענעהם. אָבער די געמיינדע האָט ניט געקאָנט אויסאַרבייטען פאַר אַלע מיטגליעדער גענוג נויטיגע פּראָדוקטען.

נאָך דעם אונטערגאַנג פון „ניו האַרמאָניע“ זיינען נאָך עטליכע קלענערע פאַרזוכען געמאַכט געוואָרען אין אַמעריקאַ צו גרינדען קאָמוניסטישע קאָלאָניען, אָבער זיי האָבען קיין גרויסע באַדייטונג ניט געהאַט. צוויי גרעסערע עקספּערימענטען זיינען געמאַכט געוואָרען אין אייראָפּאַ: איינער אין סקאָטלאַנד פון אַן ענטוזיאַסטישען און פעהיגען נאָכפאָלגער פון אועו, אייברעהעם קאָמב; אַ צווייטער אין אירלאַנד פון איינעם וואַנדעלער, אַ לאַנדבאַזיצער. ביידע האָבען עקזיסטירט ניט לאַנג און זיינען אונטערגעגאַנגען צוליעב דעם, וואָס יורשים און קרעדיטאָרען האָבען די געמיינדען געצוואונגען זיך אויפצולעזען.

# פוריע און זיינע פאַלאַנגען.

פאר שאַרל פוריע, פונקט ווי פאר ראָבערט אָוען, איז די סאָציאַלע פראַגע בעשטאַנען אין דעם, ווי בע־סער צו אָרגאַניזירען די געמיינדע, אָדער קאָמונע.

די קאָמונע, זאָגט פוריע, איז אפילו אין דער איצ־טיגער געזעלשאפט דער וויכטיגסטער סאָציאַלער עלע־מענט. זי איז אָבער ניט אָרגאַניזירט, און דעריבער איז די געזעלשאפטליכע ווירטשאפט אזוי שלעכט איינ־געאָרדענט. קאָמונען — דאָס זיינען שטיינער, פון וועלכע די געזעלשאפטליכע געביידע ווערט אויפגע־שטעלט. ווען די שטיינער זיינען ניט ארומגעהאקט, ניט צוגעפאסט איינער צום צווייטען, פאָדערט זיך זעהר פיעל צעמענט זיי צוזאמענצוהאלטען. אָבער פאר גוט ארומגעהאקטע שטיינער פאָדערט זיך ניט קיין פיעל צעמענט, זיי האלטען זיך פון זייער אייגענעם געוויכט.

ביי א שלעכטער אָרדנונג פאָדערען זיך פיעלע בעאמטע, א שטארקע רעגיערונגס מאכט, א קאָמפּלי־צירטע אדמיניסטראַציאָן, כדי די גאנצע מאשין זאָל קענען ארבייטען; ביי א גוטער אָרדנונג אָבער האָט די רעגיערונג גאנץ ווענינ צו טהאָן. ניט די רעגיערונג, נאָר די קאָמונע שאפט די רייכטימער, — אָט ווארום די סאָציאלע רעפאָרמאטאָרען דארפען אין זינען האָבען הויפטזעכליך די קאָמונען. דערפון קען מען שוין פער־שטעהן, ווי אונזיניג פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען זיינען: זיי ווילען ענדערען רעגיערונגס פאָרמען און בעריהרען אין גאנצען ניט דעם וויכטיגסטען סאָציאַלען עלעמענט, די קאָמונען.

די וויכטיגסטע אויפגאבע פון יעדער געזעלשאפט־ליכער אָרגאניזאציאָן איז צו שאפען רייכטום, דעם מא־טעריעלען יסוד פון פראָגרעס. ווען מיר קוקען זיך צו צו דער אָרגאניזאציאָן פון ווירטשאפט אין דער מאָדער־נער געזעלשאפט, זעהען מיר, אז עס זיינען פאראן צוויי בעזונדערע מינים ווירטשאפט: די גרויסע ווירטשאפט מיט געדונגענער ארבייט, און די קליינע ווירטשאפט,

וואו דער אייגענטימער ארבייט אליין. ביידע מינים ווירטשאפט האָבען זייערע חסרונות און מעלות. די גרויסע ווירטשאפט שטעהט טעכניש העכער, דערפאר אָבער זיינען די ארבייטער ניט פעראינטערעסירט אין די רעזולטאטען און ארבייטען שלעכט. אויב די קליינע ווירטשאפט שטעהט טעכניש נידריג, ארבייט אָבער דער אייגענטימער דאן פאר זיך אליין.

מען דארף פעראייניגען די מעלות פון ביידע מינים ווירטשאפט, דער קליינער און דער גרויסער. אַ מוסטערהאפטע קאָמונע דארף צופריעדענשטעלען די פאָלגענדע פאָדערונגען: ערשטענס, דארף דאָס אייגענטום ניט זיין צוטיילט אויף קליינע טיילען; צווייטענס, דארפען דאָס גאנצע לאנד און די אינדוסטריען פון דער קאָמונע ווערען עקספלואטירט לויט אן אלגעמיינעם פלאן; דריטענס, דארף דאָס סיסטעם פון געדונגענער ארבייט, ביי וועלכען דער ארבייטער איז ניט פעראינטערעסירט אין דעם פראָדוקט פון זיין ארבייט, פערביטען ווערען מיט אַ סיסטעם פון אלגעמיינער בעטייליגונג אין די פראָדוקטען, לויט דער מאָס, אין וועלכער יעדער איינער האָט זיך בעטייליגט אין דער פראָדוקציאָן.

מען דארף באשאפען אן אסאָציאציאָן פון עטליכע הונדערט פאמיליען (פוריע נעמט דריי הונדערט פאמיליען), וועלכע זאָלען צוזאמען פיהרען די ווירטשאפט. פאר דעם צוועק דארף מען פון קיינעם ניט צונעמען זיין אייגענטום; וייל, איבערגעבענדיג זיין אייגענטום צו דער אסאָציאַציאָן, בעקומט דער אייגענטימער אקציעס, וועלכע וועלען, ווי פוריע רעכענט אויס, ארייננברענגען פיעל מעהר איידער ווען דאָס אייגענטום זאָל פערוואלטעט ווערען פון דעם בעל הבית אינדיווידועל.

אַ קאָמונע אָרגאניזירט אויף אזא פלאן רופט פוריע פ אַ ל אַ נ ג ע, און דעם סאָציאַלען פאלאץ פאר די מיטגליעדער פון דער פאלאנגע — פ א ל א נ ס ט ע ר.

די ווירטשאפט אין דער פאלאנגע וועט ניט געפיהרט ווערען קאָמוניסטיש. דער קאָמוניזם שטרעבט דאָך צו פאָלשטענדיגער גלייכהייט, לייקענט אָב די

רעכט פון קאַפּיטאַל און טאַלאַנט און אנערקענט נאָר די רעכט פון ארבייט. דער קאָמוניזם שטרעבט צום אַלגעמיינעם וואוילזיין ניט דורך א הארמאָנישע ענטוויקלונג פון אלע מענשליכע ליידענשאַפטען, נאָר דורך דעם, וואָס די דאָזיגע ליידענשאַפטען וועלען אונטערדריקט ווערען, און גראַד די פון זיי, וועלכע העלפען שטארק דעם מאַטעריעלען און אינטעלעקטועלען פּראָגרעס — צום ביישפּיעל, דאָס וועלען אריבערשטייגען אַנדערע, עהרגייץ, דער דורשט נאָך רייכטום, א. א. וו.

די גרונד אידעע פון דעם קאָמוניזם איז ניט מעהר ווי א העלפט פון דער סאָציאַלער אידעע — נעמליך, דער פּרינציפּ פון קאָלעקטיוויטעט, אסאָציאַציאָן, — און דאָס נאָך אין איהר רויהער, אונענטוויקעלטער פאָרם; פּונקט ווי די גרונד־אידעע פון דער איצטיגער אָרדנונג — דער פּרינציפּ פון אינדיווידועלער איניציאַטיוו — איז די אַנדערע העלפט פון דער סאָציאַלער אידעע. די הארמאָנישע פעראייניגונג פון אָט די צוויי עלעמענטען דארף ווערען די גרונד־אידעע פון דער צוקונפטיגער אַסאָציאַציאָן, פון דער פאַלאַנגע.

פּריוואַט אייגענטום ווערט אין דער פאַלאַנגע ניט אָבגעשאַפט, נאָר נעמט אָן אַן אַנדער פאָרם — די פאָרם פון בעטייליגען זיך אין דער אַלגעמיינער הכנסה, אָנשטאָט דעם אויסשליסליכען רעכט אויף געוויסע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דאָס לעצטע רעכט ווערט שוין דערמיט אליין אָבגעשאַפט, וואָס די ווירטשאַפט ווערט אָנגעפיהרט פון דער גאַנצער פאַלאַנגע. אָבער ארטיקלען פאַר געברויך מעגען געהערען צו איינצעלנע פּערזאָנען.

די פּערזענליכע פרייהייט ווערט אין פאַלאַנסטער בכלל ניט בעגרענעצט. יעדער לעבט ווי ער וויל, מעג זיך עסען אין זיין אייגענעם ווינקעל, אויב ער וויל, כאָטש יעדער איז אייגענטליך פעראינטערעסירט אין דעם, אַז דער געברויך, פּונקט ווי די פּראָדוקציאָן, זאָל זיין אָרגאַניזירט געזעלשאַפטליך.

פּוריע בעשרייבט און בעווייזט אויספיהרליך, ווי־

פיעל קאַפּיטאַל און מיה מען וועט קענען איינשפּאָרען, ווען אַנשטאָט בעזונדערע קיכען, וואַש־הייזער א. א. וו., וועט זיין איין געזעלשאַפטליכע קיך, וואַש־הויז א. א. וו. די עקאָנאָמיסטען בעציהען זיך פערעכטליך צו אזעלכע „קליינינגקייטען", ווי הויז־ווירטשאַפטליכע ארבייטען. אין דער אמת'ען אָבער ווערט דאָ פערשווענדט אן אונגעהויערע מאַסע ענערגיע און קאַפּיטאל.

און נאָך מעהר נוצען וועט ברענגען א געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן. אלע ווייסען, אז די גרויסע פּראָדוקציאָן שטופּט ארויס די קליינע טאַקי דערמיט, וואָס אין דער ערשטער איז די ארבייט פיעל פּראָדוקטיווער. די פּאַלאַנגע וועט נאָך האָבען דעם וויכטיגען פּאָרטייל איבער דער מאָדערנער גרויסער פּראָדוקציאָן, וואָס דער ערשטער וועט לוינען איינצופיהרען יעדע נייע מאַשין און אויסבעסערונג; ווערהענד די מאָדערנע אינדוסטריע קען דאָס אָפטמאָל ניט טהאָן אי צוליעב דעם ניעדריגען ארבייטס־לוין, וואָס מאַכט האַנד ארבייט ביליגער ווי מאַשין ארבייט, אי צוליעב דעם, וואָס די ארבייטער זוכען ניט צו דערלאָזען, אז נייע מאַשינען זאָלען איינגעפיהרט ווערען. אַנשטאָט צו זיין א שונא דעם מענשען, ווי זי איז איצט, וועט די מאַשין איהם העלפען און דיענען.

פּונקט אזוי וועט רעפּאָרמירט ווערען ערד־ארבייט. אין דעם פּאַלאַנסטער וועט ערד־ארבייט זיין פערבונדען מיט אינדוסטריע, און דער ערד־ארבייטער וועט פערשפּאָרען ניט צו ארבייטען ווינטער.

דעם האַנדעל וועט די פּאַלאַנגע אויך פיעל אויסבעסערען. אַנשטאָט צו קויפען בעזונדער, אין קליינע קוואַנטיטעטען, און פערלירען דערביי פיעל צייט, וועט דאָס קויפען און פערקויפען פון אלע פּראָדוקטען פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט ווערען.

און אזוי וועט איינגעשפּאָרט ווערען קאַפּיטאַל פון אלע זייטען, אויף אלע געביעטען פון לעבען, און עס וועט אָנגעזאַמעלט ווערען אזא רייכטום, וועגען וועלכען מיר חלומ'ען אפילו ניט. אַנשטאָט אָרימע קליינע הויי-

זער וועלען אויפגעשטעלט ווערען רייכע פאלאצען. מיט בעזונדערער ליעבע בעשרייבט פוריע דעם סאָציאלען פאלאץ פון דער צוקונפט, דעם פאלאנסטער. פוריע בעשרייבט איהם מיט אלע איינצעלהייטען.

דאָס איז אַ שעהנע געביידע, ארומגערינגעלט מיט גאָרטענס. לעבען איהם געפינען זיך די ווערקשטאטען און לאנדווירטשאפטליכע געביידען, שעהן אויסגעשטעלט. דער פאלאנסטער און די ווירטשאפטליכע געביידען זיינען פערבונדען דורך א פערמאכטער גאלעריע, אַ קאנאל, דורך וועלכען דאָס לעבען פון דער פאלאנגע צירקולירט. די גאלעריע איז ברייט און גראָס, פול מיט טראָפּישע בלומען און האָט גענוג ליכט און לופט. אין איהר קומען פאָר געזעלשאפטליכע פערזאמלונגען, אויסשטעלונגען, בעלער, קאָנצערטען. אין פאלאנסטער געפינען זיך א טעמפעל און אַ טעאטער.

און ווי דארף זיין אָרגאניזירט די ארבייט אין דער פאלאנגע? אין דער לעזונג פון אָט דער הויפּט־פראגע פון זיין סיסטעם איז פוריע אם מעהרסטען אָריגינעל. ער אנערקענט ניט קיין שעדליכע ליידענשאפטען אָדער נייגונגען. דער מענש איז בעשאפען אזוי, אז אלע זיינע ליידענשאפטען זיינען אין הארמאָניע. זיי זיינען אַן אונפערענדערליכער עלעמענט, וועהרענד די געזעלשאפטליכע פאָרמען ענדערען זיך. דעריבער דארפען ניט די מענשליכע ליידענשאפטען זיך צופאסען צו דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג, נאָר פערקערט, און די געזעלשאפט מוז פון דעם געווינען. און די ארבייט אין דער פאלאנגע דארף ניט שטערען דער פולער פרייהייט פון די מענשליכע ליידענשאפטען און שטרעבונגען. די מיטגליעדער דארפען זיך אויסקלייבען די בעשעפטיגונג, וועלכע וועט זיין אין איינקלאנג מיט זייערע איינגעבאָרענע פעהיגקייטען, סימפאטיען, געוואוינהייטען און וויסען.

אזוי ווי די ארבייט וועט זיין א געמיינשאפטליכע, וועלען זיך אויף א נאטירליכען אופן אויסטיילען גרופען מענשען, וואָס טהוען איין און דיזעלבע ארבייט. פוריע

גיט פאר א ביישפיעל א גימנאזיום אָדער א פאנסיאָן. וואָס טהוען די קינדער אין זייער פרייער צייט? זיי צוגעהען זיך ניט בעזונדער, נאָר צווישען זיי טיילען זיך אליין אוים גרופען: איין גרופע טהוט איין זאך, די צווייטע טהוט אן אנדער זאך א. א. וו. און יעדערער שטעהט צו צו דער גרופע, וועלכע איז פאר איהם מעהר אנציהענד.

פונקט אזוי דארף זיין מיט ערוואקסענע. איבער זיי דארף ניט זיין קיין צוואנג, קיין מאכט. שוין דער־פאר אליין איז די איצטיגע אָרגאניזאציאָן פון ארבייט א שלעכטע, וואָס ביי איהר איז ניט מעגליך אזא נאטיר־ליכע גרופירונג פון ארבייטער. זי פעראורזאכט אן עקעל צו ארבייט, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר אונזער צייט.

מען שטעלט זיך געווענליך פאָר, אז עס זיינען פאראן אונאנגענעהמע ארבייטען. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. די ארבייט פון דאנאידען קען ניט זיין אנ־ציהענד, אָבער ניט ווייל זי פאָדערט בעזונדערע אָנ־שטרענגונגען, נאָר ווייל זי איז אונפרוכטבאר. די העכ־סטע אויפגאבע פון דער סאָציאלער אָרגאניזאציאָן, די פולע, הארמאָנישע ענטוויקלונג פון אלע מענשליכע כחות, וועט נאָר דאן ערפילט ווערען, ווען יעדע ארבייט וועט ווערען אנציהענד. און אזוי וועט דאָס זיין אין דער פאלאנגע. יעדע גרופע וועט ארבייטען ניט מעהר ווי צוויי שעה. ווי נאָר די ארבייט וועט ווערען ער־מיעדענד און ניט אינטערעסאנט, וועט די גרופע אָב־שטעלען די ארבייט, און די מיטגליעדער וועלען צו־שטעהן צו אנדערע גרופען און מיט מעהר ענערגיע זיך נעמען פאר אנדערע ארבייט.

דאָס, וואָס מען רופט איצט פוילקייט, איז ניט מעהר ווי עקעל צו איינארטיגער ארבייט. אָט דער עקעל, פונקט ווי דער דורשט נאָך כבוד און דער פערלאנג צו זיין דער ערשטער, וועט ניט אָבשוואכען, נאָר פער־שטארקען די ארבייטס־ענערגיע אין דעם פאלאנסטער.
און ווי וועלען אין דער פאלאנגע פערטיילט ווערען

די פּראָדוקטען ? זיי וועלען איינגעטיילט ווערען אין דריי ניט גלייכע טיילען : פינף צוועלפטעל וועלען געהערען דער ארבייט, פיער צוועלפטעלעך — דעם קאַפּיטאַל און דריי צוועלפטעלעך וועלען זיין די בעלוינונג פאר טאַלאַנט. כאָטש די ארבייט וועט זיין אַ געמיינשאפטליכע, וועלען ניט אלע בעקומען גלייך, נאָר לויט זייער בעטייליגונג אין דער פּראָדוקציאָן. און כאָטש די בעלוינונג פאר ארבייט וועט שטייגען, אין פערגלייך מיט דער איצטיגער אָרדנונג, אין אַ פיעל גרעסערער מאָס ווי די בעלוינונג פון קאַפּיטאַל, וועלען אָבער די קאַפּיטאַליסטען דערביי גאָר ניט פערלירען : די הכנסה פון ארבייט וועט זיין 8—6 מאָל גרעסער, און די הכנסה פון די קאַפּיטאַליסטען — 4—3 מאָל גרעסער. חוץ דעם וועט זיך פיעל מאָל פערגרעסערען די בעלוינונג פאר טאלאנט.

אָבער איינפיהרענדיג פּראָצענטען אויף קאַפּיטאַל, האלט ניט פוריע פאר מעגליך, אז אין דעם פאלאנסטער זאָל ענטשטעהן אַ קלאַס לעדיגגעהער — קאַפּיטאַליסטען. די הכנסה פון ארבייט וועט זיין אזוי גרויס, אז אלע ארבייטער וועלען זיין קאַפּיטאַליסטען. פון דער אנדער זייט, וועט די ארבייט זיין ניט קיין לאַסט, נאָר אַ פערגניגען, און אלע קאַפּיטאַליסטען וועלען ארבייטען. פוריע האָט בכלל ניט געהאלטען פאר זעהר וויכטיג די פראגע וועגען פערטיילונג, ווייל די פּראָדוקטיוויטעט דארף זיין אזוי גרויס, אז אלעמענס בעדערפנישען זאָלען יעדענפאלס פאָלשטענדיג צופרידענגעשטעלט ווערען.

פוריע און זיינע תלמידים שטעלען זיך פאָר דאָס לעבען אין דעם פאַלאַנסטער, ווי אַן אונאונטערבראָכענעם ליכטיגען יום טוב, אָהן ליידען, אָהן אירגענד וועלכען דיסאָנאַנס. און דאָס אלץ וועט זיין נאָר דערפאר, ווייל די פּראָדוקציאָן און פערטיילונג וועלען אָרגאניזירט ווערען אין אַ גרויסער מאָס, און די ארבייט, זייענדיג אנציהענד, וועט ווערען מעהר פּראָדוקטיוו, און דאָס וועט די מענשען געבען אזוי פיעל רייכטום, אז זיי וועט גאָרניט פעהלען.

פוריע בעשרייבט אויך ווי די פאלאנגע וועט זיין אָרגאניזירט פּאָליטיש. אין דער שפּיץ וועלען שטעהן פריי ערוועהלטע פּערזאָנען, און דער העכסטער צווישען זיי — דער אונארך — אויך אזוי ערוועהלט. אָבער קיין פּאָליטישע מאכט וועט אין דער פאלאנגע ניט זיין, ווייל עס וועט ניט נויטיג זיין קיין צוואנג, ווייל עס וועלען ניט זיין קיין שונאים, ווייל אלע בעדערפנישען וועלען זיין צופריעדענגעשטעלט. אונארך — דאָס וועט זיין ניט מעהר ווי אַן עהרען טיטול. קיין פערברעכענס וועלען ניט זיין. ווער וועט דען גנב'ענען, אַז קיינעם וועט קיין זאַך ניט פעהלען?

און די הארמאָניע און שעהנקייט פון דער ערשטער פאלאנגע וועלען מאכען אזא טיפען איינדרוק אויף די ארומיגע בעפעלקערונג, אַז ביסלעכווייז און גאַר אָהן אירגענד וועלכען דרוק און צוואנג וועלען ענטשטעהן אלץ נייע און נייע פאלאנגען. ביסלעכווייז וועלען זיי פערנעמען די גאַנצע וועלט, וועלען פרוכטבאר מאכען סאַכאַרא און וועלען קאָלאָניזירען די מדבריות פון סיביר. די ערד וועט זיין א גן עדן, און דער מענש וועט בענשען זיין שיקזאַל. ער וועט זיך איבערצייגען, אַז זיין גליק קען דאָ זיין פול, טיף און אונענדליך, ווייל ליידען, אונגליקען און צרות שטאמען ניט פון דער מענשליכער נאטור, נאָר פון דער אונפאָלקאָמענער סאָציאלער אָרגאניזאציאָן.

דער סאָציאלער אידעאל פון פוריע איז אזוי נאָהענט צום אידעאל פון אנארכיזם, אַז מען קען אפשר האלטען דעם גרויסען פראנצויז פאר א פאָרשטעהער פון אנארכיזם. די אָבלייקענונג פון יעדער מאכט, פון יעדען צוואנג איז כאראקטעריסטיש פאר זיין גאַנצע סיסטעם. און פוריע געהט אזוי ווייט, אַז ער לייקענט אין גאַנצען אפילו מאָראלישען צוואנג. ער איז א פאָלשטענדיגער אמאָראליסט און איז אין דעם א פאָרגענגער פון ניצשע און דעם אמאָראליזם פון אונזער צייט. די אויפגאבע פון זיין סיסטעם איז צו געבען די מענשליכע ליידענשאפטען און נייגונגען פאָלשטענ-

דיגע פרייהייט און ברענגען זיי אין אזא הארמאָניע, אז זייער פרייער שפּיעל זאָל געבען אלעמען וואָס מעהר גליק.

די אַלע פילאָסאָפישע אויסטראַכטונגען, שרייבט פוריע, וועלכע רופען זיך פליכטען, האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט דער מענשליכער נאַטור. די פליכט האָט דער מענש בעשאפען, די נייגונגען אָבער זיינען פון גאָט. און אויב מיר ווילען אויסגעפינען גאָט'ס וועגען, דאַרפען מיר שטודירען די מענשליכע נייגונגען, די נאַטור, לאָזען די פליכטען צורוה. פליכטען בייטען זיך אין יעדען לאנד און צייט, די נאַטור אָבער פון ליידענשאפטען בלייבט אונפערענדערליך ביי אלע פעלקער.

פוריע האָט געמיינט, אז די הארמאָניע, וועלכע ער האָט געשאפען אין זיין פאָרשטעלונג, וועט לעזען די פראַגע פון גליק און פאָלשטענדיגער פרייהייט פאר אלעמען. אויב אזא געזעלשאפטליכער צושטאַנד קען ווען עס איז דערגרייכט ווערען, איז זיכער ניט נויטיג מעהר קיין אויסערליכער און אינערליכער צוואַנג, קיין געזעלשאפטליכע מאכט און מאָראַלע פליכט.

אָבער ווען דאָס די מענשען ווען עס איז דערגרייכען? איז דען מעגליך א מענשליכע געזעלשאפט, וואָס זאָל אין גאַנצען זיין פריי פון מאכט און מאָראַלער פליכט? די וויסענשאפטליכע קריטיק קען לייכט צושטערען פוריע'ס לופטשלאָס, אין וועלכען ער האָט אריינגעלעגט אזוי פיעל געניאַלע דענקונגס־קראַפט און ארטיסטישען געפיהל.

די ערפאהרונג ווידער פון די פוריעריסטישע געמיינדען, די געשיכטע פון וועלכע מיר גיבען דאָ איבער, בעוויזט, אז דער ביישפיעל פון עטליכע ערפאָלגרייכע בליהענדע געמיינדען איז נאָך ווייט ניט גענוג צו בעקעהרען די ארומיגע וועלט צו די אידעען פון סאציאַלער גערעכטיגקייט.

די געמיינדען, וואָס זיינען פערבונדען מיט פוריע'ס נאָמען, האָבען געהאט פיעל מעהר ערפאָלג איידער די אָוועניסטישע געמיינדען. די פערזוכען צו בעשאפען א

פאלאנסטער אין פראנקרייך האָבען ניט געהאט קיין בעזונדערען ווערטה, דערפאר האָבען אָבער פוריע'ס אי־דעען בעשאפען אַ ברייטע און אינטערעסאנטע פראקטישע בעוועגונג אין אמעריקא.

אין אמעריקא האָבען צוויי מערקווירדיגע מענשען געפּרעדיגט פוריע'ס אידעען, — בריסבעין און גרילי, בעזונדערס דער ערשטער. ער האָט אַ סך געררייזט אי־בער אייראפא, און בעקענענדיג זיך מיט פוריע'ס ווערק, איז ער געוואָרען זיין איבערצייגטער נאָכפאָלגער. מעהר פון אלץ האָט איהם ערשטוינט דער געדאנק, אז עס איז מעגליך צו מאכען פיזישע ארבייט אנציהענד און אנגענעהם. „מאכען אנציהענד די רויהע, ערנידריגענדע ארבייט, אָט דעם שיקזאל פון די מאסען, וועלכער דריקט דעם מענשען מיט זיין פראזאאישער, אָבטעמפּענדער, אלץ אבטויטענדער ווירקונג, דערהויבען די ארבייט און מאכען פון איהר עפּעס, וואָס זאָל ארויסרופען בעוואונדערונג און אכטונג, — דאָס הייסט פערווירזאכען די גרעסטע רעוואָלוציאָן."

קומענדיג צוריק אין אמעריקא, האָט ער פערעפענטליכט אַ בוך וועגען פוריע'ס אידעען. דאָס בוך האָט געהאט אַ געוואלדיגען ערפאָלג און האָט צוגעצויגען צום פוריעריזם איינעם פון אמעריקא'ס טאלאנטפולסטע זשורנאליסטען, האָראַס גרילי, דעם ארויסגעבער פון דער פערשפּרייטסטער אמעריקאנער צייטונג, דער „ניו יאָרק טריביון". גרילי האָט אָבגעגעבען דעם פּראָמינענטסטען אָרט אין זיין צייטונג דער פּראפּאגאנדא פון פוריעריזם. און בריסבעין האָט אויסערדעם געגרינדעט עטליכע ספּעציעלע צייטשריפטען פאר דעמזעלבען צוועק.

אין גיכען האָבען זיך אין גאנצען לאנד בעוויזען געזעלשאפטען און קרייזען פון פוריעריסטען. זיי האָבען ארראנזשירט לעקציעס, אַגיטאַציאָנס טורען און פון צייט־צו־צייט צוזאמענפאהרען. אין 1844 איז גערופען געוואָרען אין ניו יאָרק דער נאציאָנאלער פוריעריסטישער קאָנגרעס. פון אלע עקען לאנד זיינען אָנגעקומען

בעגריסונגען. אויף דעם קאָנגרעס איז די פוריעריסטישע פאַלאַנגע ערקלערט געוואָרען פאַר דער איינציגער לעזונג פון דעם סאָציאַלען פּראָבלעם. מען האָט בעשלאָסען צו גרינדען א שטענדיגע קאָנפערענץ פון אַסאָציאַציאָנען, מיט א שטענדיגען אָרגאַן, "פאַלאַנגע", און אַן עקזעקוטיווען קאָמיטעט פון אַכצעהן פּערזאָן.

מען האָט געפונען פאַר נויטיג צו בעשאַפען אַן אינטערנאַציאָנאַלע פוריעריסטישע אָרגאַניזאַציאָן, און בריסבעין איז בעאויפטראַגט געוואָרען צו שטעלען זיך וועגען דעם אין פערבינדונג מיט די אייראָפּעאישע פוריעריסטען. אין דערזעלבער צייט האָט דער קאָנגרעס געוואָרענט ניט צו מאַכען קיין צו קליינע אַסאָציאַציאָנען און אָהן גענוג געלד מיטלען.

פּוריע האָט געהאַלטען, אַז א קאַפּיטאַל פון איין מיליאָן פראַנק איז גענוג, ווען די צאָהל מיטגליעדער בעטרעפט פיער הונדערט פאַמיליען. בריסבעין האָט פערקלענערט די צאָהל מיטגליעדער ביז פיער הונדערט פערזאָן, האָט אָבער געהעכערט די סומע ביז פיער הונדערט טויזענד דאָלאַר, צו טויזענד דאָלאַר אויף יעדען. דאָס האָבען געזאָלט זיין די נאָרמאַלע גרענעצען, און איבערטרעטען זיי האָט מען געהאַלטען פאַר געפעהרליך.

דער איינציגער ביישפּיעל פון א גרויסער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציאָן איז געוועזען „ניו האַרמאָניע“. די פוריעריסטישע פאַלאַנגען זיינען געוועזען ווייט ניט אזוי גרויס. דאָך זיינען זיי שנעל געוואַקסען אין אמעריקא, און אין פערלויף פון פינף יאָהר זיינען ערשיענען אין פערשיעדענע טיילען פון לאַנד ניט וועניגער ווי 30 אַזעלכע געמיינדען. נאָר עלף פון זיי האָבען עקזיסטירט מעהר ווי צוויי יאָהר.

די שטאַרקסטע זיינען געוועזען די פאָלגענדע פיער: ברוק פאַרם (זעקס יאָהר), די נאָרד אמעריקאַנער פאַלאַנגע (צוועלף יאָהר), די נאָרטהעמפּטאַנער אַסאָציאַציאָן (פיער יאָהר) און די וויסקאָנסינער פאַלאַנגע (זעקס יאָהר).

ברוק פאַרם איז בעריהמט געוואָרען, ווייל אין איהר

זיינען אריין פיעלע פארשטעהער פון דער אמעריקאנער אינטעליגענץ, צווישען זיי איינער פון די פּאָפּולערסטע אמעריקאנער שריפטשטעלער, נעטהעניעל האָוטהאָרן.

דאָס אָרט פאַר דער אַסאָציאציאָן איז אויסגעקליבען געוואָרען זעהר געלונגען, ניט ווייט פון באָסטאָן, צווישען פּיטאָרעסקע בערגלעך, פעלדער און וועלדער. די ערשטע גרינדער האָבען געהערט צו אַ רעליגיעזער געזעלשאַפט, זיינען אָבער שפּעטער איבערגעגאַנגען צום פוריערידם. ברוק פארם האָט געהאט הונדערט פופצעהן מיטגליעדער. אלע האָבען בעקומען דעמזעלבען לוין פאר א בעשטימטע צייט פון ארבייט. די ארבייט האָט זיך יעדערער צוגעקליבען לויט זיינע נייגונגען און געשמאק. כדי די ארבייט זאָל זיין אנציהענד, איז זי געווען פערשיעדענארטיג. קינדער איינגער פון צעהן יאָהר, אלטע איבער זיעבציג יאָהר און אונפעהיגע זיינען אין גאנצען בעפרייט געוואָרען פון ארבייט. יעדערער האָט געקענט אויסגעבען זיין געלד, ווי ער האָט געוואָלט, אָבער כמעט אלע בעדערפניסען זיינען צופרידענגעשטעלט געוואָרען דורך א געמיינשאפטליכע ווירטשאפט.

וועגען דעם, ווי אנציהענד דאָס לעבען אויף ברוק פאַרם איז געווען, קען מען אורטיילען פון דעם מנהג, וואָס איז פערבליבען ביי די געוועזענע מיטגליעדער און אפילו זייערע קינדער ביז אונזער צייט זיך צונויפצופאָהרען אין די זומער מאָנאטען און לעבען צוזאמען, דערמאָנענדיג די קורצע צייט וואָס ברוק פארם האָט עקזיסטירט.

ברוק פאַרם איז געווען דער צענטער פון דער אמעריקאנער פוריעריסטישער בעוועגונג. דאָ איז ארויסגעגעבען געוואָרען דער הויפט אָרגאַן פון די אמעריקאנער פוריעריסטען, דאָ האָבען זיך אויך קאָנצענטרירט די בעסטע קרעפטען פון דער בעוועגונג. אָבער טאקע דאָס, ווייזט אויס, האָט די זאך געפיהרט צום אונטערגאנג. איין מיטגליעד, דר. קאָדמאן, האָט אזוי בעשריעבען די אורזאכען פון דעם דורכפאל: „מיר האָבען געהאט גענוג פילאָסאָפען, אונז האָבען געפעהלט איינפאכע אר־

בייטער און גוטע עקאָנאָמען. וואָס האָבען מיר געזאָלט טהאָן? אריינגעמען צו זיך געוועהנליכע מענשען, וואָס קענען נעהען שיך און קליידער, ארבייטען מיט דער זעג און טהאָן אנדערע פיזישע ארבייטען, וואָס האָבען אָבער קיינמאָל ניט געלעזען שילער און געטהע, און אפשר אויך ניט שעקספיר, סקאט אָדער בוירנס, וועמען לעזען און פילאסאפיע אינטערעסירט בכלל ניט?"

כאָטש די ווירטשאפט איז אין דער געמיינדע געגאַנגען שלעכט, איז זי לאַנג נאָך ניט צופאַלען, מסתמא דערפאַר, ווייל דאָס געמיינשאפטליכע לעבען און ארבייט האָט בעפרידיגט די העכערע גייסטיגע בעדערפנישען פון די מיטגליעדער. איהר אונטערגאַנג איז פעראורזאכט געוואָרען פון אַן אויסערליכען, צופעליגען אונגליק, — איהר צענטראַלע געביידע, דער „סאָציאַלער פאַלאַץ", וואָס האָט זיך געבויט אין פערלויף פון צוויי יאָהר און אויף וועלכען די מיטגליעדער האָבען געלעגט אַלע זייערע האָפנונגען, האָט אָבגעברענט, און דאָס איז געווען פאַטאַל: אין א האַלב יאָהר ארום איז ברוק פארם צופאַלען.

די נאָרטהעמפּטאנער אסאָציאַציאָן האָט אויך ניט לאַנג עקזיסטירט. זי איז אויך מעהרסטענס בעשטאַנען פון געבילדעטע און פערמעגליכע מענשען. איהר גרינדער סעמועל הילל, האָט ערקלערט דאָס צופאַלען פון דער געמיינדע דערמיט, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט גענוג געלד מיטלען.

די וויסקאָנסינער פאַלאַנגע האָט געהאַט הונדערט אַכציג מיטגליעדער און האָט עקזיסטירט פונקט אזוי לאַנג ווי ברוק פארם. אָבער די וויסקאָנסינער פאַלאַנגע איז שוין בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון מיטגליעדער פון דעם ארבייטער קלאַס. זי איז געווען די פאָלשטענדיגע אייגענטימערין פון אַן אויסגעצייכענטען גוט פון 1800 אַקער לאַנד. אין דער אינערליכער אָרגאַניזאציאָן איז זי געווען עהנליך צו די אַנדערע פוריעריסטישע געמיינדען: מ'האָט אַלעמען גלייך געצאָהלט, און יעדערער האָט געקאָנט טהאָן מיט זיין געלט וואָס נאָר ער האָט געוואָלט.

די פּאַלאַנגע איז אין איהר ווירטשאפט געווען א פּע־
נאָמענאַלער ערפאָלג, א דאַנק איהר מיטגליעדערשאַפט.
ניט נאָר האָט זי פּינקטליך געצאָהלט אלע איהרע חובות,
נאָר ווען מען האָט זי ליקווידירט, האָט זי אויסגע־
צאָהלט די מיטגליעדער נאָך 8 פּראָצענט חוץ זייער
טייל. וואָס זשע איז געווען די אורזאַך פון איהר אונ־
טערגאנג? אָט וואָס עס זאָגט וועגען דעם איהר גרינ־
דער, וואָרען טשיים: „די אורזאכען פון דעם אונטער־
גאנג פון דער געמיינדע זיינען געווען ריין געזעלשאַפט־
ליכע. מיר האָבען ניט געקענט מאכען ביי אונז דאָס לע־
בען גענוג אנציהענד. פיעלע האָבען געדענקט, אז זיי
קענען מעהר אויפטהאָן אויסערהאלב דער געמיינדע.
מיר האָבען ניט געקענט בעוועגען מענשען מיט מיטלען
אויסצוקויפען די טיילען פון די, וואָס האָבען געוואָלט
ארויסגעהן, און אזוי האָבען די אונצופריעדענע סוף כל
סוף בעקומען אַ מעהרהייט און האָבען געשטימט פאר
אייפלעזען די געמיינדע.“

אם לענגסטען האָט עקזיסטירט די נאָרד אמעריי־
קאנער פּאַלאַנגע מיט הונדערט און צוועלף מיטגליעדער.
זי האָט געהאט די בעסטע אָרגאניזאציאָן. פאר ארבייט
האָט מען געצאָהלט ניט גלייך: וואָס אונאנגענעהמער
עס איז געווען די ארבייט, אלץ מעהר האָט מען גע־
צאָהלט פאר איהר. די ציגעל ארבייטער, צום ביישפּיעל,
האָבען בעקומען צעהן סענט אַ שטונדע, ווערענד די
ערד ארבייטער האָבען בעקומען אַכט סענט, און די
דיענער און דער ארצט — נאָר זעקס מיט א פיערטעל.
אויסער דעם לוין, איז נאָך געווען אַ בעלוינונג פאר
בעזונדערע פעהיגקייט און טאלאנט, און פערוואלטער
פון געוויסע טיילען פון ווירטשאפט האָבען נאָך בע־
קומען פינף סענט א טאָג. דער לוין איז אויף אזא אופן
געווען צווישען זעקס און צעהן סענט א שטונדע, און די
לעצטע סומע איז געווען דער מאקסימום.

יעדער מיטגליעד האָט אליין געקענט בעשליסען,
וועלכע ארבייט צו טהאָן און ווי לאַנג צו ארבייטען.
סוף יאָהר האָט מען צוטיילט דעם ריוח, און ארבייט

האָט בעקומען דורכשניטליך דרייצעהן דאלאר, וועה־
רענד קאַפּיטאַל האָט געהאט אונגעפעהר 5 פּראָצענט.

דאָס לעבען אין דער געמיינדע איז געווען זעהר בי־
ליג. א צימער האָט געקאָסט צוועלף דאלאר א יאָהר.
געריכטען האָט מען געקענט בעשטעלען. קאַווע מיט
מילך האָט געקאָסט א האַלבען סענט, פלייש — צוויי
סענט, א. א. וו. יעדערער האָט געצאָהלט זעקס און
דרייסיג סענט א וואָך פאַר דעם געברויך פון עסצימער,
בעלייכטונג און סערווירונג פון עסען. מיטאגען פלעגען
פערצייכענט ווערען אין אַ ביכעל, און סוף חודש פלעגט
געמאכט ווערען דער סך הכל.

די געמיינדע האָט אויסגעבויט א גרויסע הויז פאר
איהרע מיטגליעדער, וואָס איז געווען עהנליך צו פורי־
יע'ס פאַלאַנסטער. דער „סאָציאלער פאלאץ" פון דער
נאָרד אמעריקאנער פאַלאַנגע איז נאטירליך ניט געווען
בעזונדערס רייך. דאָך איז דאָס געווען א גאַנץ הויכע,
דריי־שטאָקיגע געביידע, מיט געראמע, ליכטיגע, שעהן
מעבלירטע צימערען. אַ בעזונדער שטאַרקען איינדרוק
האָט געמאכט דער אונגעהויער גרויסער הויפּט זאַל.
ארום דעם „סאָציאלען פאלאץ" זיינען געוואקסען בלו־
מען און אנדערע פלאנצען. אביסעל ווייטער זיינען גע־
ווען שאָטענדיגע אלעען. נאָהענט צום הויז זיינען געווען
צוויי פרוכט־גארטענס, פון וועלכע איינער האָט פער־
נומען ארום פערציג אַקער לאַנד. ניט ווייט איז געווען
א טייך, מיט אלעען אויף די ברעגען. דאָ האָט זיך גע־
פונען א מיהל, די הכנסה פון וועלכער האָט געדעקט
דעם גרעסטען טייל פון דער געמיינדע'ס הוצאות.

די הויפט בעשעפטיגונג אין דער געמיינדע איז גע־
ווען ערד ארבייט און גערטנעריי. די פאלאנגע האָט
ארויסגעגעבען א מאסע פרוכט, וועלכע האָט זיך פער־
קויפט אין ניו יאָרק.

אזוי אנגענעהם איז געווען דאָס לעבען אין דער
פאַלאַנגע, אז, ווי א שפּעטערער ארויסגעבער פון דער
„ניו יאָרק טריביון", מיקער, וועלכער האָט בעזוכט דאָס
דאָרף נאָכ'ן אונטערגאנג פון דער געמיינדע, דערצעהלט,

האָבען די געוועזענע מיטגליעדער פון דער פאַלאַנגע
גערעכענט די יאָהרען, וואָס זיי האָבען אין איהר פער־
בראכט, פאר די גליקליכסטע צייט אין זייער לעבען.

די געמיינדע האָט געהאט א זעהר פיטורעסקען און
פרוכטבארען שטיק לאנד פון ארום זיעבען הונדערט
אקער פערציג מייל ווייט פון ניו יאָרק. ווירטשאפטליך
איז די געמיינדע געוועזן זעהר ערפאָלגרייך, כאָטש ניט
אזוי פיעל, ווי די וויסקאָנסינער פאַלאַנגע. זי האָט
פינקטליך געצאָהלט צווישען 4.4% און 5% אויף קאפּי־
טאַל, און א גוטען ארבייטס לוין צו די מיטגליעדער,
און אמאָל אויך צו צופעליגע זייטיגע ארבייטער, ווען
עס פלעגט זיין א סך ארבייט.

דאָך איז ענדליך אויך די געמיינדע אונטערגעגאנ־
גען. קיינער האָט דאָס ניט פאָראויסגעזעהן, ווייל די
געשעפטען פון דער געמיינדע זיינען די גאנצע צייט
געגאנגען זעהר גוט. אָבער אָט איז אין 1854 פאָרגעקו־
מען א שרפה אויף דער מיהל. די שרפה איז ניט געוועזן
אזא שאדען, וואָס מען האָט גאָרניט געקענט פערריכטען,
ווייל גרילי האָט אָנגעבאָטען א סומע געלט אויף צו בע־
נייען די מיהל. מען האָט גערופען אן אלגעמיינע פער־
זאמלונג ארומצורעדען די פראגע. אויף דער פערזאמלונג
איז גאנץ אונערווארטעט פאר דער מעהרהייט ארויפגע־
קומען אן אנדער פראגע,—צו מען זאָל ניט, אנשטאָט צו
בויען די מיהל, גאָר ליקווידירען די גאנצע געמיינדע, און
צו אלעמענס ערשטוינונג איז מיט א גוואלדיגער מעהר־
הייט בעשלאָסען געוואָרען צו ליקווידירען די געמיינדע.
ווייזט אויס, די אורזאך איז דאָ ניט געוועזן דער
אומגליקספאל, נאָר עפּעס אנדערש. וואָס אָבער? פאר־
וואָס זיינען אונטערגעגאנגען „די נאָרד אמעריקאנער
פאַלאַנגע“, די „וויסקאָנסינער פאַלאַנגע“ און אלע אנ־
דערע אזעלכע אָרגאניזאציאָנען?

זיי זיינען דערפאר אונטערגעגאנגען, וואָס עס איז
ניט געוועזן קיין גענוגענדער גרונד פאר א ווייטערער עק־
זיסטענץ. די מיטגליעדער האָבען פונקט אזוי גוט גע־
קענט פערדיענען אויסערהאלב דער געמיינדע, יעדער

גוטער ארבייטער אין אמעריקא קען ביי נאָרמאלע אר־בייטס באדינגונגען פארדיענען אזוי פיעל, וויפיעל די בעשיידענע געמיינדע האָט איהם געקענט געבען. און אזוי ווי אין אָט די אָרגאניזאציאָנען פלעגען געוועהנליך אריינגעהן מענשען מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, מיט איניציאטיווע און אונטערנעמונגס גייסט, איז קלאָר, אז אפילו די ערפאָלגרייכסטע ווירטשאפט אין א סאָציאליסטישער געמיינדע איז ווייט ניט גענוג צו־צוציהען א פעהיגען מענשען, וואָס האָט א קאָפּ אויף די פּלייצעס און קען ארבייטען.

אויב די „נאָרד אַמעריקאַנער פּאַלאַנגע" איז אזוי לאנג געוועזען טייער פאר איהרע מיטגליעדער, איז דאָס ניט געוועזען דערפאר, וואָס זיי האָבען עקאָנאָמיש ניט גע־קענט אויסקומען אָהן איהר. ניין, זיי האָבען אין איהר געזעהן די אויפגעהענדע זון פון א נייער סאָציאַלער אָרגאניזאציאָן, וועלכע האָט געזאָלט ענדערען די וועלט און איבערבויען די מאָדערנע געזעלשאפט אויף נייע יסודות. און טאקי נאָר אין נאָמען פון אָט דעם גלויבען, און ניט צוליעב ווירטשאפט, האָבען מענשען געבויט פּאַלאַנגען.

## די איקאַריער געמיינדען

מיר האָבען געזעהן, אז נאָר דער גלויבען אין דעם, אז זייער מיה וועט ווייזען דער וועלט א ביישפּיעל פון דער אידעאלער מענשליכער געזעלשאפט, האָט בעוואויגען די מענשען צו גרינדען פאַלאַנגען.

ווען אָבער אָט דער גלויבען איז פערשוואונדען, ווען די ערפאהרונג האָט בעוויזען, אז די פאַלאַנגען פערמעה־רען זיך ניט, שטופּען ניט ארויס די הערשענדע קאפּי־טאליסטישע ארגאניזאציאָנען, נאָר קענען אין בעסטען פאל נאָר קוים־קוים אָנהאלטען זייער עקזיסטענץ, דאן האָט די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער פאַלאַנגע פערלאָרען איהר פריהערדיגען זין. „צו וואָס לעבען אין דער פאַלאַנגע, ווען מען קען עקזיסטירען אויך אָהן

איהר", — האָבען די מיטגליעדער זיך געמוזט פרעגען און האָבען געמוזט סוף כל סוף קומען צום שלום, אז דאָס בעסטע איז פונאנדערצוגעהן זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען.

און זיי זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען, אפילו ווען די געמיינדע האָט געהאט א ווירטשאפטליכען ערפאָלג, בעווייזענדיג דערמיט, אז ניט די ווירטשאפטליכע אינ־טערעסען פעראייניגען מענשען, וואָס בעטייליגען זיך אין אזעלכע אָרגאניזאציאָנען.

די שטאַרקסטע פון אלע געמיינדען, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען צו פערדינען דעם אזוי גערופענעם „אוטאָפּישען סאָציאַליזם", איז געווען די געמיינדע פון די „איקאַריער", די נאָכפאָלגער פון קאבע.

קאבע איז געווען פונקט אזא געגנער פון סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און גוואַלדטהאַט, ווי די אנדערע סאָציא־ליסטען פון דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונ־דערט. „די גוואַלטזאמע רעוואָלוציאָנען, — שרייבט קאבע, — זיינען ניט מעהר ווי מלחמות מיט אלע צו־פעליגקייטען פון מלחמות. עס איז זיי זעהר שווער דורכצופיהרען, ווייל די רעגירונג האָט אלע מאָל צו איהר דיענסט די גרויסע מאַכט פון אָרגאניזאציאָן, דעם איינפלוס פון אריסטאָקראטיע און רייכטום, די געזעצ־געבענדע און עקזעקוטיווע מאַכט, געלט, די ארמיי, גע־ריכטען, פּאָליציי און טויזענדער מיטלען ווי אונטער־צוקויפען און צוטיילען איהרע שונאים. דאָס פאָלק וויל רעוואָלוציאָנען זעהר אָפט. פון דעם אָנהויב פון געשיכטע איז אפשר ניט אריבער א יאָהר, אז א פאָלק זאָל ניט וועלען אראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אריסטאָקראטיע. און דאָך, ווי וועניג רעוואָלוציאָנערע פערזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען! און פון די פער־זוכען, ווי וועניג האָבען זיך איינגעגעבען! און צווישען די געלונגענע רעוואָלוציאָנען, ווי וועניג אזעלכע, וואָס האָבען דערגרייכט זייערע ציעלען און זיינען ניט פער־דרעהט אָדער אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען שפּע־טער פון דער אריסטאָקראטיע!"

אָבער קאַבע וויל ניט אפילו די געלונגענע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. גוואַלט פון אָרימע איבער רייכע איז פונקט אזוי שלעכט ווי גוואַלט פון רייכע איבער אָרימע. די קאָמוניסטען דאַרפען, ווי די ערשטע קריסטען, אָנ־ווענדען א פריעדליכע פראָפּאַגאַנדא, אָבער אַן ענער־גישע, פול ענטוזיאַזם און זעלבסט־אויפאָפּפערונג. „אויב דער קאָמוניזם איז ניט מעהר ווי א חלום, וועט דאָס א פרייע דיסקוסיאָן בעווייזען; אויב אָבער דאָס איז דער אמת, וועט די לעהרע געווינען אלץ מעהר און מעהר נאָכפאָלגער צווישען פאָלק, די געלעהרטע, דער אריס־טאָקראַטיע. דער איינציגער וועג צום קאָמוניזם איז דורך פערנונפט און וואַרהייט! ווי ווייט דער זיעג זאָל ניט זיין, וועט דאָס זיין דער שנעלערער און בעסערער וועג, ווי דער וועג פון גוואַלדטהאַטען. ווען איך וואָלט אין מיין האַנט געהאַלטען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, וואָלט איך ליעבער געשטאָרבען א פערטריבענער פון מיין היימאַט, איידער אויפמאַכען מיין האַנט.“

אין זיין בעריהמטען ראָמאַן „איקאַריע“, זאָגט זיך קאַבע ענטשיעדען ארוים געגען טיילווייזע עקספּערי־מענטען. זיי קענען ניט ברענגען קיין נוץ, אָבער מיט זייער דורכפאַל ברענגען זיי זעהר פיעל שאַדען. נויטיג איז נאָר צו מאַכען אַלץ מעהר פּראָזעליטען, בעקערען וואָס מעהר מענשען צום נייעם גלויבען, ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט ניט זיין פאַר קאָמוניזם.

זייענדיג געגען טיילווייזע סאָציאַלע עקספּערימענ־טען, איז קאַבע געבליבען א צענטראַליסטישער קאָמו־ניסט. פאַר פוריע און אָווען האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטס אָרגאַניזאַציאָן זיך געקענט אריינפּאַסען אין די ראַהמען פון דער איינצעלנער געמיינדע. קאַבע אָבער האָט דאָס ניט געהאַלטען פאַר מעגליך, סיידען אין די ראַהמען פון גאַנצען שטאַאַט. אָבער די טייל־ווייזע פערזוכען צו פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם זיינען שוין געווען א נויטיגער בעדינג אין דער סאָציאַ־ליסטישער בעוועגונג פון יענער צייט. און קאַבע האָט

זיך ניט לאנג געקענט האלטען אויף זיין טעאָרעטישער פּאָזיציאָן.

זיין פּראָפּאגאנדא אין פראנקרייך איז געווען זעהר ערפאָלגרייך. אין אלע וויכטיגע שטעדט זיינען ערשיע־נען קרייזען פון זיינע נאָכפאָלגער, מען האָט געהאלטען קורסען פון לעקציעס איבער קאָמוניזם, פערשפּרייט קאָמוניסטישע ליטעראטור און געשאפען אלץ נייע אַנ־הענגער. ביז פאר דער פעברואר רעוואָלוציאָן האָט קאבע גערעכענט אין פראנקרייך ביי פיער הונדערט טויזענד נאָכפאָלגער. בעגייסטערט פון אזא ערפאָלג, האָט ער אין 1847 ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף: „מיר געהען אין איקאַריע!“ און האָט ערקלערט, אַז די גע־מיינדע געפינט זיך ניט ווייט, אין די ענדלאָזע סטעפּען פון דעם דאן כמעט אונבעפעלקערטען טעקסאַס.

דער ערשטער אוואנגארד פון די איקאַריער איז אָבגעפאָהרען אין אמעריקא דריי וואָכען פאר דער פעב־רואר רעוואָלוציאָן. כאָטש די רעוואָלוציאָן האָט אָב־געצויגען פיעלע סאָציאַליסטיש געשטימטע ארבייטער פון קאבע'ס אונטערנעמונג, האָבען דאָך עטליכע הונ־דערט ענטוזיאַסטען צוזאמען מיט קאבע אריבערגעשוואו־מען דעם אָקעאַן און, ניט קוקענדיג אויף אלע שוועריג־קייטען און שטערונגען, געגרינדעט אַ געמיינדע.

די ערשטע צייט איז דאָס לעבען פון די איקאַריער געווען זעהר שווער, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך די לאגע פערבעסערט. לויט די בעשרייבונגען פון בעזו־כער, איז די געמיינדע געווען עהנליך צו אַ מאָנאַסטיר, וואו עס האָט טאקי געהערשט שטרענגע גלייכהייט, וואו עס איז אָבער געווען זעהר אומעטיג און לאַנגווייליג.

אין עטליכע יאָהר ארום איז די געמיינדע צופאלען צוליעב אינערליכע קריעגערייען. קאבע און די מינדער־הייט, וואָס איז איהם געבליבען טריי, זיינען אויסגע־שלאָסען געוואָרען. אין גיכען איז קאבע געשטאָרבען, אָבער די קאָלאָניע איז געבליבען לעבען. די מינדער־הייט האָט געגרינדעט אַן אנדער קאָלאָניע, וועלכע איז אין אָנהויב געווען ערפאָלגרייך, איז אָבער שפּעטער

צופאלען. די ערשטע קאָלאָניע האָט זיך נאָך דער צו־שפּאלטונג אריבערגעקליבען אין שטאַט איאָווא, צווי־שען אוראלטע וועלדער, און האָט געהאַט אַ געוואלדיגען ווירטשאַפטליכען ערפאָלג. אין 1876, ווען זי איז בע־שטאנען פון 75 מיטגליעדער, האָט איהר אייגענטום בע־טראָפען ארום אַ מיליאָן פראנק.

אָט ווי איין בעזוכער בעשרייבט די געמיינדע:

„ארום צוועלף קליינע הייזער שטעהען אין אַ קוואַדראַט. אין מיטען איז די צענטראלע געביידע מיט דער געמיינשאַפטליכער קיך און עסצימער און זאָל פאר פערזאמלונגען און אלערליי פאָרשטעלונגען. ניט ווייט שטעהען די בעקעריי און דאָס וואשהויז, און פיעלע קלייניגקע הייזעלעך פון קלעצער, וואָס דערמאָנען אָן דעם אמאָליגען אָרימען לעבען אין דער געמיינדע...

„ווי נאָר עס קלינגט דער גלאָק, איילען אלע 75 מיטגליעדער אין עסצימער. דאָרט צוזעצט מען זיך ביי רונדע טישלעך מיט דער ריין פראנצויזישער פרעה־ליכקייט. אויף דער טיר איז אָן אויפשריפט: „גלייכ־הייט", אויף דער וואנט קעגענאיבער — „פרייהייט". דאָס עסען איז נארהאַפט און גוט, אָבער זעהר איינ־פאַך. אין אָווענד קלייבען זיך די פאמיליען צונויף אין דעמזעלבען צימער, וואו מען פלוידערט, זינגט און שפּיעלט אויף אָלערליי אינסטרומענטען. אם אינטע־רעסאנטסטען איז דאָ אַ זונטאָג אָווענד. דאַן לעזט מען דאָ פאָר שטעלען פון די ווערק פון דעם איקארישען אַפּאָסטאָל, עטיען קאַבע, מען זינגט ליעדער, און יונגע לייט האלטען ענטוזיאַסטישע סאָציאליסטישע רעדען."

אין 1877 איז אויך די געמיינדע צופאלען, ווייל די מיטגליעדער זיינען ניט געווען אייניג אין דער פּרינ־ציפּיעלער פראגע, צי מען זאָל ערלויבען פּריוואט איי־גענטום אין דער געמיינדע. איין טייל איז געווען פאַר דעם און האָט געגרינדעט „ניי איקאַריע", וועמעס מיט־גליעדער צאָהל איז אין 1884 געווען 34. די געמיינדע איז געווען גאנץ ערפאָלגרייך, אָבער איהרע מיטגליעדער זיינען געוואָרען געוועהנליכע אמעריקאנער פארמערם.

דער צווייטער, ראַדיקאַלערער טייל האָט זיך איבערגעקליבען אין קאַליפאָרניא און האָט אויך די ערשטע צייט געהאַט אַ גרויסען ווירטשאַפטליכען ערפאָלג. אין 1884 האָט די קאָלאָניע געצעהלט 52 מיטגליעדער, און איהר אייגענטום איז ווערט געווען זעכציג טויזענד דאָלאַר. אָבער אויך די געמיינדע האָט זיך אָבגעזאָגט פון שטרענגען קאָמוניזם. אויסער דעם האָט זי אָנגעדונגען זייטיגע ארבייטער און איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג, אַ מין אַקציען געזעלשאַפט. סוף כל סוף איז זי צופאַלען.

„ניי איקאַריע” האָט עקזיסטירט ביז 1895, ווען די מיטגליעדער האָבען די געמיינדע איינשטימיג ערקלערט פאַר אויפגעלעזט. אָט וואָס איהר לעצטער פרעזידענט, מאַרשאַן, שרייבט וועגען דעם צו האַידענס, דעם פאָרשער פון דעם אמעריקאַנער סאָציאַליזם:

„זינט איהר האָט צום לעצטען מאָל בעזוכט „איקאַריע”, האָט אונזער געמיינדע זיך פיעל געענדערט. די סעפּאַראַטיסטען זיינען געבליבען דאָרט, וואו איהר זייט געווען, און מיר האָבען געמוזט פערנעמען אַן אַנדער שטיק לאַנד, אַ מייל ווייט פון זיי, וואו מיר האָבען אַלץ געמוזט אָנהויבען פון דאָס ניי. דאָך זיינען מיר מאַטעריעל געווען ערפאָלגרייך. נייע מיטגליעדער זיינען צוגעקומען, אָבער אַ טייל אַלטע איז אוועק. אין 1895, ביי די וואַהלען, האָט זיך דער ניי ערוועהלטער פרעזידענט, בעטאַניער, אָבגעזאָגט פון זיין אמט. מען האָט געמאַכט נייע וואַהלען, און מען האָט אָנגעמערקט מיך פאַר פרעזידענט. צוליעב מיינע 81 יאָהר, האָב איך זיך אָבגעזאָגט. קיין אַנדערער האָט ניט אָנגענומען, און די וואַהלען האָבען ניט געקענט פאָרקומען. נאָך עטליכע פערזאַמלונגען איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז מען דאַרף אויפלעזען „ניי איקאַריע” און צוטיילען דאָס אייגענטום צווישען די מיטגליעדער לויט דעב אָבמאַך. דאָס געריכט האָט איבערגעגעבען די ארבייט פון צוטיילען דאָס אייגענטום צו בעטאַניער'ן. איך האָב פערלאָזען די געמיינדע אין מערץ 1895 און האָף צו פער־

ברענגען מיינע לעצטע יאָהרען אין פריעדען און רוה צווישען מיין פאמיליע און נאָהנטע פריינד."

מארשאן איז פיעל מאָל געווען פרעזידענט און איז נאָך געווען סעקרעטאר פון דעם איקארישען אוואנגארד, וואָס האָט פערלאָזען פראנקרייך אין 1848.

ניט קוקענדיג אויף די פיעלע שפאלטונגען, האָט די איקארישע געמיינדע עקזיסטירט ארום א האלבען יאָהר־הונדערט. דאָס בעווייזט, אז די פראנצויזישע איקאר־יער האָבען געהאט אויסערגעוועהנליכע מאָראלע אייגענ־שאפטען, זיינען ניט געווען קיין מענשען, וואָס זוכען נאָר נייע זאכען, נאָר האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען פאר קיינע שוועריגקייטען און האָבען אָהן הילף פון דער זייט, מיט זייערע אייגענע הענט אויפגעבויט א בליהענדע קאָלאָניע.

אָבער דער ווירטשאפטליכער ערפאָלג איז געווען א זעהר בעשיידענער. נאָך אלעמען, האָבען זיי זיך דער־שלאָגען צו ניט קיין גרעסערען רייכטום, ווי יעדער אמעריקאנער פארמער האָט. אין זיין קאָמוניסטישען ראָמאן מאָלט קאבע בילדער פון אויסערגעוועהנליכען רייכטום און גלאנץ אין דעם קאָמוניסטישען שטאאט, אָבער די רעאלע „איקאריע" האָט אין איהרע בעסטע יאָהרען געהאט נאָר אָרימע קליינע הייזער, איינפאכע קליידונג, זעהר אָרימע שפייז און קיין סימן ניט פון איר־גענד וועלכען לוקסוס. די שכנים האָבען געקענט פיה־לען אכטונג צו די איקאריער, ווי צו עהרליכע מענשען און גרויסע אידעאליסטען. אָבער קנאה האָבען די אי־קאריער ניט געקענט ארויסרופען, און לערנען זיך ביי זיי איז ניט געווען **וואָס**.

דער עקאָנאָמישער פאָרטייל פון א סאָציאליסטישער אָרגאניזאציאָן פון ארבייט און געברויך אין די ראהמען פון א קליינער געמיינדע איז ניט אזוי גרויס, ווי דאָס האָבען זיך פאָרגעשטעלט די ערשטע סאָציאליסטען. אין אזא געמיינדע איז ניט מעגליך ניט קיין גרויסע צוטיילונג פון ארבייט, ניט קיין גרויסע פראָדוקציאָן. יעדע געמיינדע קען ניט זיין ווירטשאפטליך איזאָלירט,

נאָר מוז זיך בייטען מיט די פּראָדוקטען מיט דער אַרו־מיגער וועלט, מוז דעריבער ווערען א טיילכעל פון דעם קאפּיטאליסטישען אָרגאניזם. זי איז פּונקט אזוי אָב־העננגיג פון אויסערליכען מארק, ווי אַלע קאַפּיטאַליס־טישע אונטערנעמונגען. די קריזיסען, ענדערונגען אין פּרייזען א. אז. וו. ווירקען אויף איהר, ווי אויף יעדע אקציען געזעלשאפט. ווען אינערליך קאָמוניסטיש, איז אַזאַ געמיינדע אויסערליך קאפּיטאַליסטיש. די אונגע־הויערע פּראָדוקציאָנס קרעפטען ביי א סאָציאַליסטישער אָרגאניזאציאָן קענען זיך נאָר ענטוויקלען אין די ברייטע ראהמען פון מאָדערנעם שטאאט. דאָס האָבען ניט פערשטאנען די ערשטע סאָציאַליסטען.

א קליינע סאָציאַליסטישע געמיינדע קען פאָלשטענ־דיג פערווירקליכט ווערען אלס א ווירטשאפטליכע אָר־גאַניזאַציאָן, אפילו אין די גרענעצען פון דעם מאָדער־נעם קאפּיטאַליסטישען סיסטעם, דאָס איז אויף דעם גלענצענדסטען אופן דעמאָנסטרירט געוואָרען פון די אלערליי אָועניסטישע און פוריעריסטישע קאָלאָניען, פּונקט ווי פון די געמיינדען פון די איקאַריער.

אָבער אזוי ווי אזא איינצעלנע סאָציאַליסטישע גע־מיינדע קען ניט אין א בעדייטענדער מאָס פערגרעסערען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, אין פערגלייך מיט דער געוועהנליכער קאפּיטאַליסטישער ווירטשאפט־ליכער אונטערנעמונג, קען זי פון דער ריין ווירטשאפט־ליכער זייט ניט געבען קיין געניגענד גרויסע פאָרטיילען איבער די עקזיסטירענדע אונטערנעמונגען, וואָס געפינען זיך ארום איהר.

דעריבער האָט ניט אזא סאָציאַליסטישע געמיינדע, אפילו ווען זי איז זעהר ערפאָלגרייך, די קראפט ארוים־צושטופען די געוועהנליכע קאפּיטאַליסטישע אונטער־נעמונגען און, פערנעמענדיג זייער אָרט, ביסלעכווייז ענדערען די גאנצע קאפּיטאַליסטישע אָרדנונג.

און ניט נאָר קען אזא קליינע סאָציאַליסטישע גע־מיינדע ניט ווערען עקאָנאָמיש שטארקער פון א געוועהנ־ליכער קאפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג, נאָר אפילו

דער אידעאַליזם פון די סאָציאַליסטישע פּיאָנירען איז אויך ניט געגוג צו ווירקען אויף די ארומיגע מענשען און זיי בעקערען צו די לעהרען פון גלייכהייט און פריי־הייט. דאָס האָבען אויף דעם בעסטען אופן בעוויזען די הויך אידעאַליסטישע, מוטיגע און אָפּפערוויליגע נאָכ־פאָלגער פון דעם גרויסען פראַנצויזישען סאָציאַליסט, עטיען קאַבע.

# די עטהישע רעליגיעזע געמיינדען אין אַמעריקא

## 1. די געמיינדע „אַמאַנאַ“.

אויב די איקארישע געמיינדען האָבען עקזיסטירט ארום אַ האַלבען יאָהרהונדערט, ווייסען מיר אָבער פון נאָך ערפאָלגרייכערע סאָציאַליסטישע ארגאניזאַציאָנען, אייניגע פון וועלכע עקזיסטירען נאָך ביז היינטיגען טאָג.

אמת, אַט די ערפאָלגרייכע קאָלאָניען זיינען געבויט געוואָרען אויף גאַר אנדערע יסודות, ווי די איקארישע אדער אנדערע סאָציאַליסטישע קאָלאָניען.

מען האָט שוין פיעלע מאָל אָנגעוויזען אין דער לי־טעראַטור, אַז אַלע פאָלשטענדיג ערפאָלגרייכע סאָציאַ־ליסטישע געמיינדען זיינען אַלעמאָל געווען געבויט אויף אַ רעליגיעזען בונד צווישען זייערע מיטגליעדער. דאָס איז נאָר טיילווייז אמת. עס איז אמת, אַז וואו נאָר אַ סאָציאַליסטישע אָרגאניזאַציאָן פון ווירשאַפט האָט זיך בעפעסטיגט אין אַ געוויסער סביבה, זיינען דאָרט געווען רעליגיעזע אינטערעסען פונקט ווי ריין ווירטשאַפטליכע. עס איז אָבער ניט אמת, אַז אָט די רעליגיעזע אינטערע־סען זיינען אַלעמאָל געשטאַנען אויפ'ן ערשטען פּלאַן, און די ווירטשאַפטליכע זיינען ניט געווען זעלבסט־שטענדיג, זיינען נאָר מיטגעגאַנגען, ווי מיר זעהען דאָס, צום ביישפּיעל, אין דער קאַמוניסטישער ווירטשאַפט פון אַ מאָנאַסטיר.

די מאָנאַסטירען זיינען אן אלטער, גוט בעקאנטער טיפּ פון קאמוניסטישער ארגאניזאציאן, וועלכער פערנעמט אבער ניט קיין ארט אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם, ווייל דער הויפּטצוועק פון מאָנאַסטיר האָט גאר ניט צו טאָן מיט ווירטשאַפט.

אַ רעליגיעזער אינטערעס פעראייניגט די מענשען אין מאָנאַסטיר, און אויב דער מאָנאַסטיר איז צו דערזעלבער צייט אַ ווירטשאַפטליכע אָרגאניזאציאָן, איז דאָס דערפאר, ווייל אויסערהאלב דער ווירטשאַפט קאָן מען איבערהויפּט ניט לעבען. ווי די ווירטשאַפט זאָל ניט זיין איינגעאָרדענט אין אַ מאָנאַסטיר, ווערט אָט די אָרדנונג בעשטימט ניט פון די אינטערעסען פון די מיטגליעדער, נאָר פון גאנץ אנדערע מאָטיוועז. דער ערפאלג פון אזאַ קאָמוניסטישער אָרגאניזאציאָן קאָן אונז דעריבער גאָרניט אָנווייזען אויף דעם, צי אַזאַ אָרדנונג וואָלט אויך געווען ערפאָלגרייך אין אַ ניט רעליגיעזער געמיינדע.

דאָס אַלץ דאַרף מען אין זינען האָבען, ווען מען וויל ריכטיג אָבשאַצען דעם ווירטשאַפטליכען ערפאָלג פון סאָציאַליסטישע געמיינדען, וואָס זיינען געבויט געוואָרען אויף אַ רעליגיעזען באַזיס, וואָס זיינען אָבער קיין מאָנאַסטירען ניט געווען. אין מאָנאַסטיר זיינען די רעליגיעזע אינטערעסען פיעל שטאַרקער פון די ריין פערזענליכע. אין די רעליגיעזע געמיינדען אָבער, זועגען וועלכע מיר וועלען דאָ רעדען, זיינען די רעליגיעזע אינטערעסען טאַקי שטאַרקער ווי ביי געוועהנליכע מענשען, אנדערש וואלטען זיי דאָך זיך ניט אויסגעטיילט, ניט אבגעזונדערט זיך פון דער ארומיגער וועלט און געגרינדעט אן אייגענע געמיינדע; אבער די רעליגיעזע אינטערעסען זיינען דאָך ניט גענוג שטארק צו פערניכטען די געוועהנליכע מאָטיוועז פון מענשליכער אויפפיהרונג. אין אָנהויב קלייבט מען אין אזעלכע געמיינדען צו מיטגליעדער מיט בעשטימטע רעליגיעזע אינטערעסען, אבער ווייטער מוז אזא אויסוואהל שוין אויפהערען, אויב דאַרט עזקיסטירען הייראַט און פאמיליע,

און נייע מיטגליעדער ווערען אין דער געמיינדע גע־באָרען.

דער מערקווירדיגסטער ביישפּיעל פון א קאָמו־ניסטישער אָרגאַניזאַציאָן פון א בעשטימטער רעליגיע־זער סעקטע, אָן ארגאַניזאַציאָן, וואס עקזיסטירט שוין אבער פיעלע צעהנדליגער יאהרען אין די פאמיליען פון איהרע ערשטע גרינדער, איז די בעריהמטע אמעריקאַ־נער קאָמוניסטישע געמיינדע אמאַנא. מיר גיבען דא איבער איהר געשיכטע.

נאָך אין אָנהויב פון 18טען יאָהרהונדערט איז אין דייטשלאַנד ענטשטאַנען א סעקטע, וועלכע האָט, צווי־שען אַנדערע זאכען, געגלויבט אויך, אז גאָט שיקט פון צייט צו צייט נביאים, וועלכע טראָגען אין זיך גאָט'ס גייסט און האָבען דעריבער א געטליכע אויטאָריטעט. די סעקטע האָט געליטען פון פערפאָלגונגען, אָבער ווע־גען קאָמוניזם האָט זי אין אָנהויב ניט געקלערט, כאָטש זי האָט געהאַלטען פאַר נויטיג א ברייטע וואָהלטעטיג־קייט און געגענזייטיגע הילף.

די פערפאלגונגען פון דער ארומיגער קירכליכער וועלט און פארשיעדענע אנדערע שוועריגקייטען האָבען ענג פערבונדען די מיטגליעדער, און די נויטווענדיג־קייט צו עמיגרירען האָט געפיהרט צו דער ערשטער קאָ־מוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, די סעקטע האָט ניט גע־קאָנט בלייבען אין דייטשלאַנד און האָט אין 1842 עמי־גרירט אין אמעריקא.

אַרום א טויזענד מיטגליעדער פון דער סעקטע האָ־בען אין אמעריקא געקויפט א שטיק לאַנד און האָבען איינגעאָרדענט א קאָמוניסטישע ווירטשאַפט. שפּעטער האָבען זיי פערקויפט זייער לאַנד און האָבען זיך בעזעצט אין שטאַאט אייאָווא, וואו די געמיינדע עקזיסטירט נאָך ביז איצט.

די געמיינדע אמאַנא האָט איצט איבער 26 טוי־זענד אקער לאַנד. די צאָהל פון איהרע מיטגליעדער וואקסט רעגעלמעסיג, אָבער ניט שנעל. אין 1871 האָט זי געצעהלט 1466 מיטגליעדער, אין 1881 — 1521,

אין 1891 — 1688 און אין 1901 — 1767 מיטגליע־דער. די צאָהל וואקסט נאָר וויל עס ווערען געבאָרען קינדער אין דער געמיינדע און ניט וויל עס קומען צו נייע ערוואקסענע מיטגליעדער פון דער ארומיגער גע־זעלשאפט.

דער לאנגזאמער וואוקס ווערט ערקלערט דערמיט, וואס אין דער געמיינדע געפינען זיך א סך אלטע לייט.

דער בעוואוסטער עקאָנאָמיסט ליפמאן, וועלכער האָט בעזוכט און שטודירט אמאנא און אנדערע אזעלכע גע־מיינדען אין אמעריקא און האָט שפּעטער פּערעפענט־ליכט א בוך „די געשיכטע פון אמעריקאנער סאציא־ליזם", דערצעהלט, אז אין אמאנא האָט מען געלעבט זעהר לאנג, ער האָט אליין דאָרט געפונען 37 מיטגליעדער פון איבער אכציג יאָהר.

די געמיינדע בעשטעהט פון זיעבען דערפער, מיט א האָטעל אין יעדען דאָרף פאַר בעזוכער. די האָטעלען זיי־נען אָפט פערנומען, וויל די געמיינדע איז א מין קור־אָרט פאַר דער ארומיגער בעפעלקערונג, און פיעלע קו־מען אהין אין זומער צוליעב דער שעהנער געגענד און ביליגקייט און עהרליכער בעהאנדלונג. דאָס אייגענטום פון דער געמיינדע איז אין 1901 ווערט געוועזען $1,645.000.

יעדע פאמיליע בעוואוינט א הויז. הייראטען ווע־רען געוועהנליך געשלאָסען צווישען מיטגליעדער, כאָטש עס איז ניט פערבאָטען צו הייראטען מיט פרעמדע, און אזעלכע הייראטען מיט פרעמדע קומען אמאָל פאָר. מען עסט אין די געמיינשאפטליכע עסצימערען, פון וועלכע עס געפינען זיך אין יעדען דאָרף צווישען 4 און 16. אין עסצימער, ביי א גאָטעסדיענסט און אויף פערזאמ־לונגען זיינען מענער און פרויען אָבגעטיילט. די שפּיי־זען זיינען ניט רייך, אָבער זעהר גוט.

אויסער עסען, בעקומען די מיטגליעדער אלע אר־טיקלען אין די עפענטליכע וועהרהייזער. אין יעדען דאָרף איז דאָ אזא וועהרהויז. פאַר די ארטיקלען צאָהלט מען ניט, נאָר דער ווערט פון די ארטיקלען ווערט פער־

שריבען אין אַ בוך, און יעדער מיטגליעד האָט אַ געווי־סען קרעדיט, געוועהנליך צווישען 25 און 40 דאָלאַר אַ יאָהר. אין די גרענעצען פון אָט דעם קרעדיט קאָן זיך יעדערער קויפען, וואָס ער וויל. אמאָל פערגרעסערט מען דעם קרעדיט, ווען דאָס איז נויטיג, ווי, צום בייש־פיעל, ווען מיטגליעדער דארפען זיך לערנען אין דער פרעמד. עטליכע מיטגליעדער האָבען זיך געלערענט אין ניו יאָרקער אוניווערסיטעט.

די פרויען נעהען קליידער פאר זיך אליין. פאר מענער זיינען דאָ ספּעציעלע שניידער. די קליידונג פון דער פרוי איז אַביסעל אונגעוועהנליך: זי טראָגט אויפ׳ן קאָפּ אַ גרויסען שווארצען טיכעל, אין גאַנצען צו פער־דעקען איהרע האָר. בכלל איז די קליידונג פון פרויען און מענער דאָ זעהר איינפאַך, אָהן אירגענד וועלכער ציערונג.

דאָס אלגעמיינע לעבען איז דאָ אַביסעל אסקעטיש. דער עלעמענט פון אמוזירונג פעהלט דאָ אין גאַנצען, און דער געברויך פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען איז פערבאָטען. דאָך פיהלט זיך איצט ניט די אמאָליגע טיפע רעליגיעזע בעגייסטערונג. די הויפּט בעשעפטי־גונג איז דאָ ערדארבייט, נאָר פיעלע מיטגליעדער ווי־לען בעסער ארבייטען אין די ווערקשטאטען.

די געמיינדע פערמאָגט 950 אָקסען, 700 קיה, 3000 שעפּסען, 2000 שווייגען און זעהר פיעל עופות. דאָ ווערען קולטיווירט וויינטרויבען און געמאכט וויין, אָן ארבייט, וואָס איז אין יענעם אָרט אינגאַנצען אונ־בעקאַנט.

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די הויפּט בעשעפטיגונג איז דאָ לאנדווירטשאפט, קומט די הויפּט הכנסה פון אינדוסטריעלער טעטיגקייט. די געמיינדע האָט איהרע מיהלען, קוזניעס, פאבריקען פון זייף, טוך און אנדערע.

די טעכנישע אויסשטאטונג פון די פאבריקען איז אַביסעל אלטמאָדיש, אָבער עס זיינען דאָ פאראן אויך נייע מאשינען, אויך אזעלכע מאשינען, וואָס מיטגליע־

דער האָבען אַליין ערפונדען, אויף וועלכע אָבער די געמיינדע האָט ניט ארויסגענומען קיין איין פאַטענט, ווייל זי וויל ניט קיין הכנסות, וואָס קומען ניט פון אַרבייט.

ליפמאַן בעשרייבט גענוי אָט די פאַבריקען, זיי זיינען גאָר ניט ענליך צו געוועהנליכע אמעריקאַנער פאַבריקען. מען אַרבייט ניט איילענדיג, אָברוהענדיג ווען מען וויל און מען האָט ביי דער אַרבייט אַלערליי קאָמפאָרטען. לעבען דעם אָרט, וואו דער אַרבייטער אַרבייט, געפינט זיך אַ בעקוועמער שטוהל, אויף וועלכען מען קאָן זיצען און אָברוהען. די אַמאַניטען אַרבייטען דאָך ניט כדי רייך צו מאַכען די קאַפּיטאַליסטען, נאָר פאַר זייערע אייגענע נוצען, טו צו וואָס זיך צופיעל אָנשטרענגען מיט שווערער אַרבייט?

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מען אַרבייט דאָ זעהר לאַנגזאַם, צי אפשר גאָר טאַקי צוליעב דעם, האָבען די פּראָדוקטען פון אַמאַניטישע פאַבריקען אַ גוטען נאָמען און ווערען זעהר לייכט פערקויפט. מען וואָלט דאָ געקענט שטאַרק אויסברייטען די פאַבריק פּראָדוקציאָן, אָבער די געמיינדע אַמאַנאַ שטרעבט ניט צו רייכטום און וויל ניט פערגרעסערען איהר פּראָדוקציאָן.

לויט איהר קאָנסטיטוציאָן, איז די געמיינדע אַמאַנאַ „אַ רעליגיעזע געמיינדע, וואָס האָט ניט קיין ציעלען דאָ אויף דער ערד, נאָר שטרעבט צו אַ דערנעהנטערונג צו דער געטליכער ליעבע און צו דער אויספיהרונג פון גאָט׳ס געבאָטען“. די געמיינדע ווערט פערוואַלטעט פון עלטסטע, וועלכע ווערען ערוועהלט יעהרליך. יעדער נייער מיטגליעד מוז איבערגעבען זיין אייגענטום צו דער געמיינדע. ווען ער פערלאָזט די געמיינדע, האָט ער דאָס רעכט צו פאָדערען דאָס אייגענטום, וואָס ער האָט אריינגעלעגט.

די צאָהל נייע מיטגליעדער איז קיינמאָל ניט גרויס. דאָס זיינען אַלעמאָל כמעט אימיגראַנטען פון דייטשלאַנד און ניט מענשען פון דער אַרומיגער בע־

פעלקערונג. כמעט אַלע יונגע לייט, וואָס זיינען אין דער געמיינדע געבאָרען געוואָרען, בלייבען אין איהר זייער גאַנצען לעבען.

כאָטש אַמאַנאַ איז די גרעסטע פון די עקזיסטי־רענדע קאָמוניסטישע געמיינדען, איז פאַר איהר קאָמו־ניזם ניט אַ מיטעל צו לעזען דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם, נאָר אַ ווירטשאַפטליכע פאָרם, וואָס איז אַם נאָהענטס־טען צום גייסט פון קריסטליכער ליעבע. דעריבער שטרעבט ניט אַמאַנאַ צו פּראָפּאַגאַנדירען קאָמוניזם.

בכלל איז דאָס אינטעלעקטועלע לעבען אין אַמאַ־נאַ זעהר שוואַך: פאַר אַלע זיעבען דערפער איז דאָ נאָר איין עפענטליכע ביבליאָטעק, און די געמיינדע גיט ניט אַרויס קיין איין צייטשריפט. זי לעבט איהר איי־גענעם, אין זיך איינגעשלאָסענעם, אָבגעזונדערטען לע־בען און ווירקט ניט און וויל ניט ווירקען אויף די לע־בענספאָרמען פון דער ארומיגער באַפעלקערונג.

פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ האָט אָט די גרעסטע עקזיסטירענדע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן אויף דער וועלט קיין בעדייטונג ניט. ווען ליפּמאַן האָט געפרעגט ביי די אייזענבאַהן ארבייטער און די שכנים פון דער געמיינדע, וואָס זי איז, האָט קיינער ניט גע־וואוסט, וואָס איהם צו ענטפערען.

עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, דאָס, כאָטש די אַמאַניטען וואוינען שוין אין אַמעריקאַ אי־בער זעכציג יאָהר, איז זייער שפּראַך געבליבען דייטש. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס די אַמאַ־ניטישע פרויען טראָגען נאָך איצט דיזעלבע קליידער פון דעמזעלבען שניט, ווי די קליידער, וואָס זייערע באָבעס האָבען ארויסגעפיהרט פון זייער אַלטער היים אין די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

אַמאַנאַ איז ניט אַזאַ ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַ־ציאָן, וואָס קען מיט איהר ביישפּיעל פון קאָמוניזם אין דער פּראַקטיק שטעלען אין געפאַהר די עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע אָרדנונג, דאָך האָט די געמיינדע בעוויזען איהר פעסטקייט און לעבענספעהיגקייט.

איהר ווירטשאפטליכער ערפאלג איז גרויס. דאס פערמעגען פון יעדער פאמיליע בעטרעפט ארום זעקס טויזענד דאלאר און ארום 85 אקער לאנד. מעגליך, אז ווען די ווירטשאפט וואָלט דאָ געוואָרען א פריוואטע, וואָלט זיך די עקאָנאָמישע לאגע פון יעדען מיטגליעד פערערגערט.

אָבער די פּאָרטיילען פון דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן אין אַמאַנאַ זיינען אויך ניט גרויס. זי האָט פערזיכערט פאַר יעדען מיטגליעד אַ געוויסען פערמעגען — ניט מעהר. אמת, עס קען זיין, אַז די רעזולטאַטען זיינען אַזוי בעשיידען דערפאַר, וואָס די געמיינדע שטרעבט ניט צו מעהר. אויף דעם ערשטען פּלאַן שטעהען דאָ עטהיש־רעליגיעזע ציעלען. די געמיינדע זוכט ניט קיין רייכטום. איז עס גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זי האָט טאקי ניט קיין רייכטום.

די געשיכטע פון אָט דער מערקווירדיגער קאמוניסטישער געמיינדע איז אבער דאך זעהר בעלעהרענד. זי בעווייזט, ווי לייכט עס איז פאר א סאציאליסטישער אדער קאמוניסטישער ארגאניזאציאן צו עקזיסטירען, ווען אויסער די ריין ווירטשאפטליכע אינטערעסען, זיינען די מיטגליעדער נאָך פערבונדען דורך א געמיינשאַפטליכען גייסטיגען לעבען.

פאר אַמאַנאַ איז קאמוניזם געווען אפשר די אידעאַלע פארם פון צוזאמענלעבען. זי איז עקאָנאָמיש זיכער ניט געווען שטארקער פון דער ארומיגער קאפּיטאַליסטישער וועלט, אבער דאס האָט זי גאַר ניט געוואלט. זי האָט זיך געהאלטען און האַלט זיך איצט אויף איהר פעסטען עטהיש־רעליגיעזען באַזיס

וואלט א סאציאליסטישע געמיינדע אָהן אָט דעם עטהיש־רעליגיעזען עלעמענט געווען אזוי לעבענספעהיג? מיר האָבען שוין געזעהן אויף די ביישפּיעלען פון די פערשיעדענע סאציאליסטישע קאלאָניען, אז נאר ווען די סאציאליסטישע ארגאניזאציאן ווערט איינגעפיהרט אין גאנצען שטאאט, קען די פּראדוקטיוויטעט פון ארבייט שטייגען אויף אזוי פיעל, אז די מענשען זאלען

קענען פערווירקליכען די טרוימען פון די ערשטע סאָציאַליסטען וועגען גליק, רייכטום און לוקסוס, וועגען אַ גן עדן אויף דער ערד.

## 2. די אנאַבאַפּטיסטען, שעיקערס און די געמיינדען אָנעידא און פאַינט־לאָמאַ.

מיר ווייסעןביישפּיעלען פון קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס האָבען עקזיסטירט נאָך פיעל לענגער, ווי אַמאַנאַ. אין דעם קאָלעקטיווען ווערק פון די דייטשע סאָציאַליסטען, „די געשיכטע פון סאָציאַליזם“, אונטער דער רעדאַקציאָן פון קאַוטסקי, געפינען מיר אַן אויספיהרליכען ארטיקעל פון קאַוטסקי וועגען דער גרעסטער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן אין דער מענשליכער געשיכטע: די אזוי גערופענע מעהרישע ברידערשאַפטען פון די אַנאַבאַפּטיסטען (די ווידערטויפער). יעדע פון אַט די ברידערשאַפטען האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסע קאָמוניסטישע געמיינדע פון עטליכע הונדערט מענשען, בעשעפטיגט מעהרסטענס מיט אינדוסטריעלע ארבייטען.

די אַלגעמיינע צאָהל מיטגליעדער פון אַט די געמיינדען האָט אין זייער בעסטער צייט דערגרייכט ביז זעכציג טויזענד און מעהר. די געמיינדען האָבען פּראָדוצירט אין גרויסע מאַסען אַלערליי ארטיקלען פאַר דעם ברייטען מאַרק, און זייערע פּראָדוקטען זיינען געווען בעריהמט אין גאַנץ דייטשלאַנד. אַזוי האָבען די געמיינדען עקזיסטירט ארום אַנדערטהאַלבען יאָהרהונדערט און זיינען צופאַלען אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט צוליעב ריין אויסערליכע סבות: מען האָט די אַנאַבאַפּטיסטען ארויסגעטריבען פון עסטרייך. זיי האָבען זיך דאַן בעזעצט אין טערקיי, און זייט דאַן האָט מען פערלאָרען יעדען שפּור פון זיי. זייער ווייטערער שיקזאַל איז אונבעקאַנט. קאַוטסקי בעדויערט אין שלוס פון זיין ארטיקעל, וואָס ער קען מעהר גאָר ניט דערצעהלען וועגען דער שפּעטערער עקזיסטענץ פון

אָט דער אינטערעסאַנטער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַ־
ציאָן.

ליפּמאַן איז אין פּערלויף פון זיינע רייזען איבער אמעריקא געקומען אויף די שפּורען פון אָט די אַנאַבאַפּ־טיסטישע ברידערשאַפטען. ער האָט אויסגעפונען זייער וויטערע געשיכטע, נאָכדעם ווי מען האָט זיי פערטריבען פון עסטרייך. ווען זיי זיינען פון די רעלי־גיעזע פערפאָלגונגען אנטלאָפען אין וואַלאַכיען, זיינען זייערע דערפער אויסגעקומען גראָד אויף דעם וועג פון די רוסישע ארמייען אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה אין די אכציגער יאָהרען פון 18טען יאָהרהונדערט. זיי האָבען זיך געווענדט צו גראף רומיאַנצעוו מיט א ביטע, מען זאָל זיי ערלויבען זיך בעזעצען אין רוסלאנד, און ער האָט זיי איבערגעפיהרט צום סוף פון יאָהרהונדערט אין זיין דאָרף ווישענקא אין טשערניגאָווער גובערניע.

אין די פערציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט די געמיינדע פערלאָזען טשערניגאָווער גובערניע און האָט זיך בעזעצט ניט וויט פון מעליטאָפּאָל, אין טאַווּרישער גובערניע, און געגרינדעט די קאָלאָניע גו־טערסטהאל (נאָך דעם נאָמען פון דעם גרינדער פון זייער סעקטע). שפּעטער זיינען ענטשטאַנען נאָך עט־ליכע קאָלאָניען אין טאַווּרישער און אין יעקאַטערינאָ־סלאווער גובערניע. ווען מען האָט אין 1874 איינגע־פיהרט אין רוסלאנד אלגעמיינע מיליטער־דיענסט, האָ־בען די אַנאַבאַפּטיסטען ניט געוואָלט פאָלגען א געזעץ, וואָס איז געגען זייערע איבערצייגונגען, און זיי האָבען ווידער עמיגרירט, דאָס מאָל אין אמעריקא, וואו ליפּ־מאַן האָט זיי געפונען אין 1908 אין סאוטה דאקאָטאַ.

אין אָנהויב האָבען זיך געגרינדעט דריי אַנאַבאַפּ־טיסטישע געמיינדען. די צאָהל מיטגליעדער איז שנעל געוואַקסען, און אין 1908 זיינען שוין אין סאוטה דא־קאָטאַ געווען צוועלף געמיינדען מיט 1,300 מיטגליעדער.

ווי ליפּמאַן דערצעהלט, לעבען איצט די אַנאַבאַפּ־טיסטישע געמיינדען פּונקט אזוי ווי די אַנאַבאַפּטיסטען אין מעהרען האָבען געלעבט אין אָנהויב פון 17טען

יאָהרהונדערט. דער קאָמוניזם איז אין די דאָזיגע געמיינדען פאָלשטענדיגער, ווי אין דער געמיינדע אמאנא : אלע פאמיליען וואוינען אין געמיינשאפטליכע הייזער, און דער געברויך פון זאכען איז אויך א געמיינשאפטליכער. ווען א קינד ווערט 4 יאָהר אלט, קומט ער אַן אין די „קליינע שול“, א מין קינדערגארטען, וואָס די אנאבאפטיסטען האָבען איינגעפיהרט נאָך מיט 3 הונדערט יאָהר צוריק און האָבען זיינט דאן ניט געענדערט. די קינדער אין דער שול בלייבען א גאנצען טאָג אונטער דער אויפזיכט פון „שול מוטערס“ און „שול שוועסטער“. ווען די קינדער ווערען אלט זעקס יאָהר, קומען זיי אַן אין די „גרויסע שול“, וואו זיי בעקומען זייער ערציהונג און בילדונג אונטער א בעזונדערען לעהרער.

די פערוואלטונג פון די געשעפטען געהערט אין רעליגיעזע ענינים — דעם „דיענער פון וואָרט“, איןווירטשאפטליכע זאכען — דעם „דיענער פון ערדישע בעדערפנישען“. ביידע ווערען ערוועהלט דורך אלגעמיינע וואהלען. אויסער דעם האָט נאָך די געמיינדע א ראט פון עלטסטע. דאָס אלץ איז געבליבען אונפערענדערט נאָך פון מיטעלאלטער.

דאָס רעליגיעזע בוך פון די אנאבאפטיסטען בעגרינדעט זייער קאָמוניזם אויף די לעהרען פון עוואנגעליום און בעווייזט דאָס מיט א רייה עוואנגעלישע טעקסטען.

די איצטיגע אנאבאפטיסטישע געמיינדען פערנעמען זיך נאָר מיט לאנדווירטשאפט. די מיטגליעדער האָבען ניט קיין פריוואטע הכנסות, ווי די מיטגליעדער פון דער געמיינדע אמאנא, צום ביישפיעל. יעדער מיטגליעד, וואָס קומט אַן אין געמיינדע, גיט איהר איבער זיין גאנצען פערמעגען, און די געמיינדע דארף איהם גאָר ניט אומקערען, ווען ער געהט ארויס.

אין דעם לעבען פון דער געמיינדע הערשט א שטרענג אסקעטישער גייסט. קיינע אונטערהאלטונגען ווערען ניט ערלויבט, אפילו טענץ אויך ניט. רויכערען איז פערבאָטען, שוין ניט רעדענדיג וועגען אלקאָהאָ־

לישע געטראנקען. די געמיינדע איז אן איינגעשלאָסענע וועלט, וואָס האָט ניט קיין פערקער מיט דער ארומיגער געזעלשאפט. דעריבער זיינען אָט די געמיינדען אזוי לאנג געווען אונבעקאנט, ביז ליפמאן האָט זיי ענטדעקט און בעשריבען, כאָטש די ליטעראטור וועגען די אמעריקאנער קאָמוניסטישע געמיינדען איז אזוי גרויס.

די אנאבאפטיסטען האָבען פערלאָזען זייער פאָטערלאנד אין אָנהויב פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען זיי האָבען עמיגרירט פון טיראָל אין מעהרען, און האָבען עטליכע הונדערט יאָהר געלעבט צווישען פעלקער, וואָס רעדען ניט קיין דייטש (טשעכען, רוסען, אמעריקאנער), און דאָך איז זייער אומגאנגס שפראך געבליבען דייטש. דאָס בעווייזט אם בעסטען, ווי ווייט זיי זיינען געווען איזאָלירט פון דער אַרומיגער בעפעלקערונג.

דער קאָמוניזם האָט אזוי טיף אריינגעדרונגען אין זייערע זיטען אפילו, אַז זיי זיינען איהם געבליבען טריי אין די אונגינסטיגסטע אומשטענדען. אמת, אין רוסלאנד זיינען זיי צווישען 1818 און 1857 געווען געצוואונגען צו פיהרען פריוואטע ווירטשאפט. אָבער ביי דער ערשטער מעגליכקייט האָבען זיי זיך אומגעקערט צום קאָמוניזם און האָבען אין אמעריקא געגרינדעט קאָמוניסטישע געמיינדען. דאָ האָבען מיר אַ ביישפיעל פון א קאָמוניסטישער אָרגאניזאציאָן, וואָס האָט עקזיסטירט עטליכע הונדערט יאָהר, און וואָס איז בעגייט געוואָרען, נאָכדעם ווי זי האָט עטליכע יאָהרצעהנדליגער ניט עקזיסטירט. רעליגיעזיטעט אליין האָט ניט געקענט זיין דער יסוד פון אַזאַ טיף איינגעוואָרצעלטען קאָמוניזם. די רעליגיעזע בעגייסטערונג האָט ניט געקענט אזוי לאנג אָנהאלטען, בעזונדערס ווען די רעליגיעזע פערפאָלגונגען האָבען אויפגעהערט. גיכער איז די קאָמוניסטישע ווירטשאפט אליין און אלע איהרע פאָרטיילען געווען די אורזאך פון דער רעליגיעזער אָבגעזונדערטקייט.

די אנאבאפטיסטישע געמיינדען האָבען עקזיס־

מירט לענגער פון אַלע אנדערע קאָמוניסטישע קאָלאָניען. פיעל וועניגער ערפאָלגרייך זיינען געווען אַנדערע רעליגיעזע קאָמוניסטישע געמיינדען אין אמעריקא. די בעקאַנטסטע פון זיי איז געווען די געמיינדע פון דער סעקטע שעיקערס. דער רעליגיעזער גלויבען פון אָט דער סעקטע האָט אין זיך מיסטישע עלעמענטען, און די מיטגליעדער פאַלען אריין פון צייט צו צייט אין אַ רעליגיעזען עקסטאַז, אין פערלויף פון וועלכען דער גאַנצער קערפּער ציטערט קאָנוואולסיוו. דעריבער רופט מען זיי שעיקינג קוועיקערס, אָדער שעיקערס, — מענשען וואָס טרייסלען זיך. די סעקטע האָט זיך בעוויזען אין אַמעריקא צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט און האָט אויס רעליגיעזע מאָטיווען איינגעפיהרט ביי זיך אַ קאָמוניסטישע ווירטשאַפט.

די שעיקערס זאָגען זיך אָב פון הייראַט און נעמען פרעמדע קינדער צו ערציהען, האָפענדיג, אז מיט דער צייט וועלען פון זיי ווערען נייע מיטגליעדער. אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָבען זיי געצעהלט אין אמעריקא איבער פינף טויזענד מיטגליעדער. זיינט דאַן האָלט די צאָהל אין איין פאַלען, און איצט צעהלען זיך נאָר ארום 700 אין זייערע געמיינדען. די געבליבענע מיטגליעדער האָבען א גרויסען פערמעגען. היינדס שאַצט אָב זייער פערמעגען אין ניט וועניגער פון הונדערט טויזענד אַקער לאַנד. זיי קענען נאַטירליך ניט בעאַרבייטען דאָס אַליין און מוזען ענטוועדער פערדינגען זייער לאַנד, אָדער אָנדינגען פרעמדע ארבייטער. אויף אזא אופן ווערען די שעיקער געמיינדען וואָס ווייטער אַלץ וועניגער קאָמוניסטיש.

פון די אנדערע אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע קאָלאָניען פון דער לעצטער צייט וועלען מיר זיך דאָ אָבשטעלען נאָר אויף צוויי — דער געמיינדע אָנעידא און דער געמיינדע פּאָינט־לאָמאַ.

די ערשטע געמיינדע איז אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס זי האָט געוואָלט בעשאַפען גאָר נייע פאָרמען פון פאַמיליע און הייראַט. אָנעידא האָט זיך אָבגעזאָגט

פון דער מאָדערנער מאָנאָגאַמישער פאַמיליע, אָבער ניט כדי אָבצושאַפען הייראַט, נאָר איינצופיהרען פרייע פעראייניגונגען פון מענער און פרויען, מיט דער אבזיכט אויסצובעסערען די מענשליכע ראַסע. דעריבער האָט דאָ יעדער מאַנסביל געקענט האָבען פיעל פרויען, און יעדע פרוי — פיעל מענער. דערביי האָט מען געהאַלטען פאַר בעזונדערס ווינשענסווערט די פעראייניגונג פון מענער און פרויען פון פערשיעדענעם עלטער.

די געמיינדע האָט זיך געגרינדעט אין 1848 און האָט געצעהלט עטליכע הונדערט מיטגליעדער. דאָ זיינען געווען פאַרשטעהער פון אַלערליי פראָפעסיאָנען און ניט ווייניג מענשען מיט א העכערער בילדונג. די קינדער האָבען געהערט צו דער גאַנצער געמיינדע און זיינען ערצויגען געוואָרען געמיינשאַפטליך. די געמיינדע איז געווען זעהר ערפאָלגרייך אין איהר ווירטשאַפט. די הויפט געביידע האָט אויסגעזעהן ווי א רייכע דריי־שטאָקיגע ווילא אָדער פאַלאַץ. דאָ איז געווען א ביבליאָטעק פון איבער פינף טויזענד ביכער, אויך א דרוקעריי, אין וועלכער מען האָט אָבגעדרוקט עטליכע וויכטיגע ארבייטען, צווישען זיי „די געשיכטע פון אמעריקאַנער סאָציאַליזם“ פון נאָיס, דעם גרינדער און פיהרער פון דער קאָלאָניע. די גאַנצע צייט איז דאָ רעגעלמעסיג ארויסגעגעבען געוואָרען א צייטשריפט.

די ערציהונג און בילדונג פון יונגע לייט איז אין אָנעידא געווען זעהר גוט און האָט זיך ניט זעלטען געענדיגט אין איינעם פון די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען. כאָטש די געמיינדע איז אין גרונד געווען א רעליגיעזע, איז אסקעטיזם איהר געווען פאָלשטענדיג פרעמד. מען פלעגט דאָ ערמוטיגען אַלערליי אונטערהאַלטונגען. עס זיינען געווען בעזונדערע ערטער פאַר פאָטאָגראַפיע. זומער פלעגט די גאַנצע קאָלאָניע זיך בעזעצען ניט ווייט ביי א וואַסער, וואו מען פלעגט זיך פערנעמען מיט כאַפען פיש, יאַגד און יעדען אַנדערען ספאָרט.

די הויפט בעשעפטיגונגען זיינען דאָ געווען גערט־

נערי, זייד־וועבעריי און שלאָסעריי. דאָס אינערליכע גייסטיגע לעבען איז דאָ געווען גאַנץ אייגענאַרטיג. מען האָט דאָ געלעגט זעהר פיעל געוויכט אויף פאָלשטענדיגע אָפּענהערציגקייט אין די געגענזייטיגע בעציהונגען און די אַזוי גערופענע „געגענזייטיגע קריטיק", פאַר וועלכען צוועק מען פלעגט ערוועהלען אַ ספּעציעלען „קאָמיטעט פאַר קריטיק", וועלכער פלעגט אַרומריידען יעדע פּערזאָן און איהר אויפפיהרונג. אויסערדעם האָט יעדער איינער געהאַט דאָס רעכט צו קריטיקירען יעדען אַנדערען. אַזאַ אָפענע ברייטע קריטיק האָבען די מיטגליעדער געהאַלטען פאַר זעהר וויכטיג. „אַזאַ קריטיק, — האָבען זיי געשריבען, — שפּיעלט אין אַ קאָמוניסטישער געמיינדע דיזעלבע ראָל, וואָס דאָס געריכט שפּיעלט אין דער געוועהנליכער געזעלשאַפט. אַ געזעלשאַפט מוז האָבען אַ פערוואַלטונג, געוויסע געריכטליכע און פּאָליציייאישע פונקציאָנען. דער קאָמוניזם פאָדערט אַ סיסטעם פון ברייטער קריטיק. אונזער אויפגאַבע איז זעלבסטפערפאָלקאָמונג, און מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פרייע קריטיק איז דער בעסטער מיטעל דערצו."

די מיטגליעדער פון אָנעידאַ האָבען אויסגעאַרבייט זייערע מעטאָדען פון אויספיהרען געוויסע אַרבייטען. אום צו מאַכען אַן אַרבייט פּראָדוקטיווער, צום ביישפּיעל, פלעגען צו דער אַרבייט צוגעצויגען ווערען גרויסע גרופּען מענער, פרויען און קינדער. דערביי פלעגט אָפּטמאָל שפּיעלען מוזיק, און מען פלעגט זינגען ליעדער. די קליידונג איז אויך געווען אייגענאַרטיג. די פרויען פלעגען ניט טראָגען קיין לאַנגע האָר. די געמיינדע וואָלט נאָך לאַנג געקאָנט עקזיסטירען, ווען ניט די פערפאָלגונגען פון די פּרעסביטעריאַנער גייסטליכע. אונטער דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג, האָט מען אין אָנעידאַ געמוזט אַבשאַפען די פאָרם פון הייראַט, וואָס מען האָט דאָרט פּראַקטיצירט. דערביי האָט מען צוערשט געוואָלט אָנהאַלטען דעם קאָמוניזם. אָבער די מיטגליעדער אַליין האָבען, נאָכדעם ווי זיי

האָבען זיך אומגעקערט צו דער געוועהנליכער פאמיליע, געוואָלט ווידער איינפיהרען די געוועהנליכע פאָרמען פון אייגענטום. און נאָך 33 יאָהר קאָמוניזם, איז אַנעידא פערוואנדעלט געוואָרען אין א קאפּיטאליסטישע קאָמפּאניע.

די געמיינדע פּאָינט־לאָמא איז דער צענטער פון דער אלוועלטליכער טעאָסאָפישער אָרגאניזאציאָן. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1900 אין דער שעהנסטער געגענד אין קאליפאָרניען. די געמיינדע האָט אויסגעבויט א רייכען פּאלאַץ פון זעלטענער ארכיטעקטור און נאָך אנדערע געביידען אין דעמזעלבען סטיל, וועלכע ווערען בעוואוינט פון ארום 200 ערוואקסענע און 300 קינדער, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרען צום ערציהען. פיעלע זעהר געבילדעטע און רייכע מענשען געהערען צו דער געמיינדע. ליפמאן דערצעהלט, אז אַ בעריהמטער וויאָליניסט איז געוועזען וועכטער פון דער הויפּט געביידע, און אין דער געמיינשאפטליכער ארבייט האָבען זיך בעטייליגט אַ פיטסבורגער מיליאָנער מיט זיין טאָכטער, א גענעראל מיט זיין פאמיליע און עטליכע שרייבער און מאלער.

די געביידען אין דער געמיינדע האָבען געקאָסט מעהר ווי א מיליאָן דאָלאר און זיינען געבויט געוואָרען מיט דער הילף פון פרעמדע ארבייטער, אָבער איצט ווערען אלע ארבייטען אויסגעפיהרט פון די מיטגליעדער אליין. די צוועקען פון דער געמיינדע זיינען אויסשליסליך רעליגיעז־עטהישע. קיינער איז ניט געצוואונגען איבערצוגעבען דער געמיינדע זיין גאנצע אייגענטום, אָבער פיעלע מיטגליעדער גיבען אוועק גרויסע סומען געלט דער געמיינדע. אנדערע ווידער לעבען דאָ אויף דעם חשבון פון דער געמיינדע. זי איז ניט אזוי פיעל א קאָמוניסטישע געמיינדע, ווי א קולטורעלע, פילאנטראָפישע און אויפקלערונגס איינריכטונג, וועמעס אויפגאבע איז צו געבען דעם מענשען א מאָראלע ערציהונג, צוגעוואוינענדיג איהם צו פיזישער ארבייט.
אין דער לעצטער צייט איז שטארק געוואקסען

דער פערלאנג צו גרינדען האלב און גאנץ סאָציאליסטישע געמיינדען, און ניט וועניג אזעלכע געמיינדען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אמעריקא. אפשר וועט מיט דער צייט צווישען די רוסישע דוכאָבאָרען אין קאנאדא אויסוואקסען די גרעסטע קאָמוניסטישע אָרגאניזאציאָן פון אונזער צייט. האינדם דערצעהלט וועגען פיעלע אזעלכע געמיינדען, צווישען אנדערע, וועגען א געמיינדע אין קאָלאָראדאָ פון 400 מיטגליעדער מיט א קאפיטאל פון $300,000; אויך וועגען א סאָציאליסטישער פארם לעבען באָסטאָן מיט 40 מיטגליעדער, וועגען דער קאָלאָניע עסטעראָ פון דער קאָרעשאנישער סעקטע מיט עטליכע הונדערט מיטגליעדער, און נאָך א סך אנדערע.

## די קאָלאָניע „קריניצא“

פון די מאָדערנע סאָציאליסטישע קאָלאָניען אויסערהאלב אמעריקא וועל איך זיך דאָ אָבשטעלען נאָר אויף איינער — דער בעוואוסטער קאָלאָניע „קריניצא“, אויף דעם שווארצען ים.

די קאָלאָניע האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געפייערט איהר 25 יאָהריגען יובילעאום. אין דעם בוך „א פערטעל יאָהרהונדערט קריניצא“ ווערט דערצעהלט איהר געשיכטע.

די איניציאטאָרען פון דער קאָלאָניע זיינען געווען דריי פערזאָנען פון פערשידענעם כאראקטער און געזעלשאפטליכען שטאנד. דער לייטענדער גייסט פון דער גאנצער זאך איז געווען די מערקווירדיגע פרוי נ. נ. קאהאן, געוועזענע פירשטין דרוצקאיא־סאָקאָלינסקאיא. זי איז אריינגעצויגען געוואָרען אין די אינטעליגענטישע בעוועגונג פון די זעכציגער יאָהרען, אָבער זי איז ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון יענער צייט און האָט געזוכט פאסענדע געזינונגס־גענאָסען, כדי צוזאמען מיט זיי איינצואָרדנען א קאָמונע, אין איינקלאנג מיט די אידעאלען פון דער דאמאָלסדיגער אינטעליגענץ.

צום סוף 1870 האָט זיך איהר איינגעגעבען צו־נויפצוקלייבען 16 מענשען. מען פלעגט זיך פערזאמלען ביי סיעראָוו'ען. דאָ זיינען געווען סטודענטען, קור־סיסטינס, און אנדערע. פיעלע פון זיי זיינען געקומען פון רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציאָנען. די בעגייסטע־רונג איז געווען גרויס. מען האָט געבויט פלענער פון א גראנדיעזער אלוועלטליכער קאָמונע. ווען מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם ערשטען פראקטישען שריט און וועגען דער נויטווענדיגקייט פון געלט, האָבען אלע געוואָרפען אויפ'ן טיש אלץ, וואָס זיי האָבען גע־האט. איין אָרימע קורסיסטין האָט גאָר ניט געהאט. איז זי אוועק צום פאריקמאכער און זיך געלאָזט אָב־שערען איהרע שעהנע האָאר און געבראכט אויף איהר קליינעם טייל — דריי רובעל.

מען האָט גענומען א קווארטיר. א שוסטער האָט געלערענט די פרויען שוסטעריי. א סטאָלער האָט גע־לערענט די מענער סטאָלעריי. צווישען די פרויען האָ־בען פיעלע געקענט קאָכען, נעהען, וואשען. זיי האָבען געלערענט די איבריגע.

מען האָט די צייט איינגעטיילט פאר פיזישע און גייסטיגע ארבייט. מען האָט איינגעשטעלט א כעמישע לאבאָראטאָריום און לעקציעס אין פיזיק, מאטעמאטיק און פיזיאָלאָגיע.

שפעטער אָבער האָט זיך די גרופע צושפאָלטען. א טייל איז געבליבען אין שטאָדט. דער איבריגער טייל האָט זיך בעזעצט אויף קאהאן'ס גוט, לעבען סמאָלענסק.

אָבער אין א פאָר יאָהר ארום איז די געמיינדע אין דאָרף אויך צופאלען, און נ. נ. קאהאן איז געקומען אין מאָסקווא, וואו זי האָט זיך בעגעגענט מיט וו. וו. יעראָפקין, פון אן אדעליגער פאמיליע פון טווער, א זעהר געבילדעטען מענשען מיט אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע פעהיגקייטען, וואָס האָט געענדיגט דעם מא־טעמאטישען און נאטורוויסענשאפטליכען פאקולטעט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט. ער איז אויך געווען

בעגייסטערט פון דער קאָאָפעראטיווער אידעע און האָט אין מאָסקווא געגרינדעט א ווערקשטאט פון לעהר־אינסטרומענטען, פיעלע פון וועלכע ער האָט אליין ערפונדען.

די געשעפטען פון דער קאָאָפעראציאָן זיינען אזוי גוט געגאנגען, אַז די מיטגליעדער האָבען אָנגעהויבען פערדיענען אלץ מעהר און מעהר. אָבער יעראָפקין איז געוועזן אונצופריעדען, ווייל דער הויכער פערדיענסט האָט ניט געהאט די געווינשטע דערהויבענדע מאָראלע ווירקונג אויף די מיטגליעדער. ער האָט ענדליך בעשלאָסען, אז עס איז נויטיג צו פערלאָזען די שטאָדט און גרינדען אַ געמיינדע אין אזא סביבה, און מיט אזאָ אָרגאניזאציאָן, וואָס וועט מוזען אויפהאלטען די מענשען אויף אַ געוויסער מאָראלער הויך.

יעראָפקין און קאהאן האָבען זיך באלד בעגעגענט מיט ז. ס. סיטשוגאָוו, א זוהן פון א דאָרפס־גלח. סיטשוגאָוו איז אויסגעוואקסען אין אן אָרימער רעליגיעזער פאמיליע און האָט זיך אין אָנהויב געלערענט אין אַ סעמינאר צו ווערען א גלח. ער איז ערצויגען געוואָרען אויף די לעבענס־בעשרייבונגען פון די הייליגע און האָט געטרוימט וועגען מארטירערטום פאר'ן גלויבען, פאר קריסטוס'ן. תענתים און תפלות האָבען איהם ניט צופריעדענגעשטעלט, ער האָט געזוכט אן אקטיווען קאמף און האָט גע'חלומ'ט וועגען מיסיאָנס ארבייט.

ער איז אָבער באלד אָנגעשטעקט געוואָרען מיט די סאָציאליסטישע לעהרען פון פיסארעוו און דאָבראָליובאָוו און איז אריבערגעגאנגען אין א שול פון לאנדווירטשאפט צו ווערען אַ לעהרער. ער האָט דעם קורס ניט געענדיגט, ווייל מען האָט איהם ארעסטירט און ארויסגעשיקט. די פראָפעסיאָן איז אויך פאר איהם איצט געוועזן פערמאכט.

ער האָט לאנג געקלערט, ווי איינצואָרדנען זיין לעבען אזוי, אז זיינע מאָראלע אידעאַלען זאָלען דערביי ניט ליידען. אינגיכען האָט ער זיך בעגעגענט מיט אן אלטען חבר, וואָס איז אויך געווען אויף דעם וועג. זיי

האָבען געגרינדעט א לאַנדווירטשאַפטליכע אסאָציאַציאָן ניט ווייט פון וויאַטקאַ, וועלכע האָט עקזיסטירט ארום א יאָהר און איז צופאלען צוליעב דעם, וואָס די מיט־גליעדער האָבען ניט געקענט שטימען.

יעראָפקין, קאָהאַן און סיטשוגאָוו האָבען צוזאמען מיט נאָך עטליכע חברים געגרינדעט א געמיינדע אין אופימער גובערניע. די געמיינדע האָט עקזיסטירט ארום צוויי יאָהר און האָט געמוזט אויפגעלעזט ווערען צוליעב פערפאָלגונגען פון דער אדמיניסטראציאָן. א פערזוך צו גרינדען אַ געמיינדע אין פּאָלטאַווער גובער־ניע איז דורכגעפאלען צוליעב דערזעלבער אורזאַך. ענדליך האָט מען בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין קאַוו־קאַז, אויפ׳ן שווארצען ים.

„אויף קאַווקאַז! — האָט געשריבען סיטשוגאָוו, וועלכער האָט געדארפט געפינען דעם פּאַסענדען אָרט פאַר דער געמיינדע, — אין לאַנד פון זון און אלטער טראַדיציאָן, וואוהין דער לעגענדארישער יאַזאָן איז גע־גאַנגען. איך זוך ניט קיין גאָלד, איך יאָג זיך נאָך מיין גליק. און וויפיעל דארף איך דען צו זיין גליק־ליך? אַ שטיקעל ערד, אויף וועלכען איך זאָל צוזאמען מיט מענשען, וואָס זיינען מיר סימפּאַטיש, לעבען פון מיין ארבייט, קיינעם ניט עקספּלואַטירען און ערציהען א יונגען דור אין בעגריפען פון עהרע און מענשליכער ווירדע“.

אזוי איז ענטשטאַנען די קאָלאָניע „קריניצאַ“. אין איהר בעסטער צייט האָט די קאָלאָניע געצעהלט ארום פינף און זיעבעציג מענשען, פיעלע פון וועלכע זיינען, אמת, ניט געווען קיין פולבערעכטיגטע מיטגליעדער. די געמיינדע האָט זיך אלעמאָל בענוצט מיט געדונ־גענער ארבייט, אָבער נאָר ווען מען האָט זיך אָהן דעם ניט געקענט באַגעהן.

אַ גרויסע ראָל אין דער ווירטשאַפט פון „קריניצאַ“ האָבען געשפּיעלט די אזוי גערופענע „פּראַקטיקאַנטען“. דאָס זיינען געווען יונגע לייט, וואָס פלעגען זיך צו־נויפפאָהרען אין „קריניצאַ“ פון אלע עקען רוסלאַנד,

אויס אן אידעען אינטערעס צו דער געמיינדע. זיי פלעגען ארבייטען אין „קריניצא“ צוזאמען מיט איהרע פולבערעכטיגטע מיטגליעדער.

צווישען די פולבערעכטיגטע מיטגליעדער און די „פּראקטיקאנטען“ פלעגען פּאָרקומען צוזאמענשטויסען און מיספערשטענדניסען, און פיעלע פון די „פּראקטיקאַנטען“ זיינען געווען גענייגט צו בעשולדיגען די מיטגליעדער אין דעם, אז די געמיינדע עקספּלואטירט זייער ארבייט. אָבער מען מוז אנערקענען, אז די באשולדיגונגען אין עקספּלואטאציאָן האָבען קיין גרונד ניט געהאַט.

אויב אָבער די מיטגליעדער פון „קריניצאַ“ האָבען ניט געוואָלט אריינגעמען, אָדער ניט גאַנץ גערן אריינגענומען נייע מיטגליעדער, ניט אויספּרואווענדיג זיי פריהער, צו בעשטימען אויב זיי פּאַסען פאר דער געמיינדע, איז דאָס געראד געווען א גוטע און נויטיגע זאַך, און די מיטגליעדער זיינען דאָ געווען פאָלשטענדיג גערעכט, ווייל דער ערפאָלג פון אזא אָרגאניזאציאָן איז פריהער פון אלץ אָבגעהאנגען פון דעם, ווי פאָרזיכטיג מען איז געווען אין דעם אויסוואהל פון נייע מיטגליעדער. די ערפאהרונג פון פיעלע סאָציאליסטישע קאָלאָניעז, וועלכע מיר האָבען דאָ בעשריבען, און די ערפאהרונג פון אייניגע מיטגליעדער פון „קריניצאַ“ אליין האָט געוויזען קלאָר, אז סאָציאליסטישע קאָלאָניען קענען אָפּטמאָל עקזיסטירען, ווען זיי זיינען אפילו ווירטשאפטליך ניט ערפאָלגרייך. מיר האָבען אפילו געזעהן, אז פיעלע סאָציאליסטישע קאָלאָניען, וואָס זיינען ווירטשאפטליך געשטאנען זעהר הויך, זיינען פריהער אָדער שפּעטער אונטערגעגאנגען צוליעב דער אבוועזענהייט פון אינערליכער סאָלידאריטעט.

דאָס האָט געמוזט בעזונדערס שטרענג אָבגעהיט ווערען אין „קריניצא“, וועמעס אויפגאבען און ציעלען זיינען געווען פיעל מעהר עטהישע, איידער ריין ווירטשאפטליכע.

דער הויפט־ציעל פון דער געמיינדע איז געווען די מאָראלע זעלבסט־פארפאָלקאָמונג פון די מיטגליעדער.

קיין איינפלוס אויף די ארומיגע בעפעלקערונג האָט די געמיינדע ניט געהאט און ניט געוואָלט האָבען. ווירטשאפטליך ווידער איז זי ניט געווען בעזונדערס ערפאָלגרייך. ווען ניט יעראָפקין, וועלכער האָט פערלאָזען די געמיינדע און האָט זי געשטיצט מיט געלט, אָנפיהרענדיג א גרויסע פאבריק, וואָלט זי אונטערגעגאנגען. ווען יעראָפקין'ס געשעפטען זיינען אוועק שלעכט, האָט די געמיינדע געמוזט פערקויפען א טייל פון איהר לאנד. זי האָט זיך דאן רעאָרגאניזירט און איז אויף דעם גרונד פון א בעזונדערען אָבמאך געוואָרען א לאנדווירטשאפטליכע קאָאָפעראציאָן.

אין איהר איצטיגער פאָרם דערמאָנט „קריניצא" אָן פיעלע אמעריקאנער סאָציאליסטישע געמיינדען. די ארבייט ווערט בעצאָהלט מיט בעזונדערע קוויטלעך, און יעדערער טהוט מיט זיין פערדיענסט וואס ער וויל. פון דעם פערדיענסט ווערט אראָבגערעכענט פאר קווארטיר און עסען. די מיטגליעדער גלויבען שטארק אין דער צוקונפט פון זייער געמיינדע. מעגליך אז מיט דער צייט וועט זי ווערען א פעסטע ווירטשאפטליכע אָרגאניזאציאָן. אָבער דערצו איז נויטיג אז די מיטגליעדער זאָלען צוגעקליבען ווערען זעהר פאָרזיכטיג.

די פיהרער פון דער געמיינדע מיינען, אז די געמיינדע איז פון א קאָמוניסטישער געוואָרען א קאָאָפעראטיווע. איך קען ניט איינשטימען מיט זיי אין דעם פונקט, פאר מיר איז זי איבערגעגאנגען פון קאָמוניזם צום סאָציאליזם. א קאָאָפעראטיוו קען אריינגעמען יעדען דורכשניטליכען מענשען, א סאָציאליסטישע קאָלאָניע אָבער פאָדערט שוין מענשען מיט בעזונדערע הויכע מאָראלע פאָדערונגען. ניט דער ווירטשאפטליכער אינטערעס אליין איז דאָ וויכטיג. דעריבער זיינען קאָאָפעראטיווען אזוי ערפאָלגרייך און מעהרען זיך, וועהרענד סאָציאליסטישע געמיינדען זיינען אָרגאניזאציאָנען פאר די ווייניגע. דאָך גרינדען זיך אזעלכע גע־

מיינדען אפילו איצט. און זיי ווערען געשאפען פון מענשען מיט א הויך ענטוויקעלטען מאָראלען בעוואוסטזיין און א וואכזאמען געוויסען, וואָס קענען ניט פערטראָגען די אונגערעכטיגקייט פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם. זיי ווילען שאפען א סביבה, אין וועלכער זיי זאָלען קאָנען לעבען, ניט עקספּלואטירענדיג אנדערע. דעריבער מעג זיך „קריניצא“ זיין יורידיש א קאָאָפּעראציאָן, אין דער ווירקליכקייט אָבער איז זי ניט קיין ריין ווירטשאפטליכע אָרגאניזאציאָן.

סאָציאליסטישע געמיינדען קענען נאָך דערווייל ניט שפּיעלען קיין גרויסע ראָל און האָבען א שטארקע ווירקונג אויף די ארומיגע קאפּיטאליסטישע וועלט. אָבער זיי האָבען א גרויסע געזעלשאפטליכע בעדייטונג, און ניט אומזיסט אינטערעסירט זיך מיט זיי די געזעלשאפטליכע מיינונג אזוי שטארק. פאר מיר זיינען אָט די פערזוכען אן אינטערעסאנט בלעטעל ניט אין דער ווירטשאפטליכער געשיכטע פון דער מענשהייט, נאָר אין דער געשיכטע פון איהר מאָראלער ענטוויקלונג.

שווער ווי עס איז ניט אָנצוהאלטען אזעלכע געמיינדען פון געמיינשאפטליכער ארבייט און געמיינשאפטליכען בעזיץ פון פּראָדוקציאָנסמיטלען פאר מאָראלע און קולטורעלע צוועקען, ווערען דאָך אזעלכע געמיינדען פון צייט צו צייט געגרינדעט. זיי זיינען ניט פיעל, אָבער זייער בעדייטונג קען ניט געמאָסטען ווערען מיט זייער צאָהל, אָדער ווירטשאפטליכען ערפאָלג, זיי זיינען אן ערמוטיגונג, אן אָבפרישונג פאר דער מענשהייט, ווייל זיי בעווייזען, אז עס זיינען פאראן מענשען, וואָס וואגען צו געהן אויף דעם שווערען וועג פון סאָציאלען שאפען אין נאָמען פון א הויכען עטהישען אידעאל.

ווי וועניג אָט די געמיינדען זאָלען ניט זיין, זיינען זיי אָבער פון גרויס אינטערעס פאר דער מענשהייט. מען קאָן אפילו זאָגען, אז וואָס וועניגער זיי זיינען אין צאָהל, אלץ הערליכער זיינען די שטראהלען וואָס קומען פון זיי ארויס.